בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

252

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


קֶענְט אִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן וָואס אִיר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש?..........א

וִוי אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵּן מִקְרֶה לַיְלָה?..........יז

וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע חוּמְרוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ?..........כז

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת?..........כח

וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיי דִי חוּמְרָא פוּן גֶעבְּרָאקְטְס אוּם פֶּסַח..........כט

אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְרִישְׁן?..........ל

מֶעג אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן דִי בָּארְד?..........לב

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיג אִיךְ זִיךְ, נָאךְ שְׁוֶוערֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן פוּן הֲפָּצָה?..........לד

זָאל אִיךְ רֶעדְן צוּ מַיין טַאטֶע עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען מַיין מַאמֶע?..........לח

דַארְף מֶען יָא אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קְלֵיידֶער, אָדֶער נִישְׁט?..........לט


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


מְסַדֵּר זַיין דִי שִׁיעוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל..........א

רֶעדְן שַׁיין צוּם מַאן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע..........א

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן..........ב

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס..........ג

דִי מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט..........ד

גֵיי נִישְׁט אַהֵיים נָאר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעהִיטְן..........ה

מֶען מֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט וָואס עֶר וִויל אוּן בֶּענְקְט צוּ זַיין..........ה

מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין קֵיינֶעם אִין אַייעֶר לֶעבְּן..........ו

מִיטְ'ן צוּפִיל מְקָרֵב זַיין, קֶען מֶען יֶענֶעם מְרַחֵק זַיין..........ו

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיינֶע אַרְבֵּייטֶער..........ז

רֶעדְט מִיט חַבֶר'טֶעס פוּן נָארְמַאלֶע זַאכְן, נִישְׁט פוּן חֲלוֹמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת..........ח

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס שְׁוַויגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת ........................ ח

בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן אַזוֹי ווִי זֵיי ווִילְן ........................ ט

אִיךְ ווִיל אַרוֹיסְקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל צוּ זַיין בַּיי דַיין סִיוּם הַשַּׁ"ס ........................ יא

עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט נִסְיוֹנוֹת ........................ יב

פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט ........................ יב

מַאכְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן פַאר אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁטֶעטְל ........................ יג

שִׁיק מִיר נִישְׁט סְתַם אִימֶעילְס, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין טַייעֶרֶע צַייט ........................ יד

פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ ........................ יד

מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער ........................ טו

אוֹיב אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם, אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד ........................ טז

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים ........................ יז

עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת פַאר דִי שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי ........................ יז

יֶעדֶע תְּנוּעָה פוּנֶעם מְלַמֵד וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי הֶערְצֶעלֶעךְ פוּן דִי קִינְדֶער ........................ יט

בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן אִין זַאק בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט ........................ יט

צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן דְרוּקְן אַלֶע בְּרִיוו אִיבֶּער חִינוּךְ הַיְלָדִים ........................ כ

אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן אוּן פוּן אַלֶע קַטְנוּת הַדַעַת ........................ כא

אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער אַ פֵייעֶר, אַ בְּרֶען, אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ יִרְאָה ........................ כא

אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר'ן נֶעמֶען דִי פוּלְסְטֶע אַחְרָיוּת אוֹיף דִי חֵדֶר ........................ כב

דִי מַצָּה בֶּעקֶעְרַיי מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן הִדוּרִים, דִי מִקְוֶה אִיז שׁוֹין כָּשֵׁר ........................ כד

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן פִירְן דִי שָׁאטְל אִין שְׁטֶעטְל ........................ כה

דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ אַלֶע קִינְדֶער כְּסֵדֶר פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן שְׁלָאגְן ........................ כו

אִיר הָאט אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְ'ן מַאכְן דִי צַאמְקוּם פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ........................ כז

אִיךְ נֶעם אָן דִי קְרִיטִיק, אִיךְ גֵיי פַארְרֶעכְטְן עֶס זָאל מֶער נִישְׁט זַיין תַּעֲרוּבוֹת ........................ כז

אֲפִילוּ וֶוען מֶען בֶּעט אוּן בֶּעט, דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען ........................ כח

דַיין טַאטֶע קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן מִיט פִילֶע גְרוֹיסֶע זְכוּתִים ........................ כח

דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ ........................ ל

הִיטְן אוּנְזֶער מַחֲשָׁבָה, נִישְׁט הָאבְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת ........................ לב

הַנְהָגוֹת פַאר אַ גַבְּאַי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ ........................ לג

מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁרְ'ן דַיְקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּב ........................ לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## קֶענְט אִיר אַבִּיסְל דֶערְצֵיילְן וָואס אִיר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף שְׁרַייבּ אִיךְ יֶעצְט אַ סֵפֶר אִיבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ רֶעדְן צוּ דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ הֶערְן אוּן פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ אוֹיפְגֶעטוּן אוּן גֶעטוּן פַאר אוּנְז. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל צַייט, אוּן מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

א. ווִי אַזוֹי אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלַל, אוּן צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בִּפְרַט; אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת.

ב. וֶועלְכֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן אוּן הַדְרָכוֹת הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ?

ג. עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת אוּן אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

ד. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זוֹכֶה מְחַזֵּק צוּ זַיין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, וֶוען אוּן ווִי אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זִכּוּי הָרַבִּים, אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִימוּדִים פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין?

ה. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְחַזֵּק אוּן מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער ווִיל הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה?

ו. וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב, אַז עֶס צִיעֶט צוּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אִידְן? מִיט וָואס הָאט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת אַן עֶנְטְפֶער אוּן עֵצָה פַאר דִי פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן סְפֵיקוֹת וָואס מוּטְשֶׁעט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?

ז. חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב וֶוערְט הַיינְט זֵייעֶר צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעעֶפְנְט אוֹיף גָאר אַ בְּרֵייטֶע פַארְנֶעם, קֶעגְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; וָואס אִיז דִי סִיבָּה פוּן דֶעם גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טוּיש וָואס הָאט פַּאסִירְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פוּן פָּארְאוֹיס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע אַייעֶרֶע פְּרַאגֶעס.

***ווִי אַזוֹי אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלָל אוּן צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ בִּפְרָט; אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען דֶערְצֵיילְן זַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת.***

דָאס וָואס אִיר פְּרֶעגְט ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּכְלָל אוּן צוּ מוֹהֲרַ״אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּפְרָט, אוּן אוֹיבּ אִיךְ קֶען אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, דָאס אִיז אַ מַתְּנַת חִנָּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אַ מַתְּנַת חִנָּם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״אַתָּה יוֹדֵעַ רָזֵי עוֹלָם׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט דֶער סוֹד פַארְוָואס אִיךְ וֵוייס פוּן אַזַא רֶבִּי אוּן אַ צְוֵוייטֶער נִישְׁט״.

אִיר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אַייךְ שְׁרַייבְּן מַיין סִיפּוּר הִתְקָרְבוּת; עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע סִיפּוּר, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ גָאפְּל.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר טַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קוּם

מַיין לֶעבְּן פַּאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶענֶען סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶענְטְשְׁן. מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א - זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ - אִיר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה, תְּפִלָּה אוּן שִׂמְחָה. אִיךְ הָאבּ אַלֶע יָארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אוֹיפְצוּוַואקְסְן בַּיי מַיין זֵיידֶע, הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ אִים מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶועזְן אַסַאךְ יָארְן בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען זַיין עֲבוֹדָה, זַיינֶע תַּעֲנִיתִים, זַיינֶע סִיגוּפִים, וִוי עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן אִין בֶּעט קַיין אֵיין נַאכְט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט יוֹמָם וָלַיְלָה, גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מְעֻטָּר בְּטַלִּית וּתְפִילִין, גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה צֶענְדְלִיגֶער מָאל אַ טָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען זַיינֶע עֲבוֹדוֹת אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַ צַדִּיק קֶען מֶען נָאר וֶוערְן דוּרְךְ דִי שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, דוּרְךְ פַאסְטְן, סִיגוּפִים אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אִיךְ הָאבּ דָאס פְּרוּבִּירְט נָאךְ צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר אָבֶּער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. מִיר הָאט דָאס זֵייעֶר וֵוי גֶעטוּן, אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעשְׁפִּירְט אַ חִסָּרוֹן אִין מַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶפֶּעס פֶּעלְט מִיר; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם רַב אוּן בֶּן יָחִיד (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ח), דֶער בֶּן יָחִיד הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶפֶּעס פֶּעלְט אִים אִין לֶעבְּן.

בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען אַ קְלֵיין סֵפֶר, סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כז, אוּן עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען קֶען עֶסְן, שְׁלָאפְן, זַיין אַ מֶענְטְשׁ צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה - וֶוערְט דֶער מֹחַ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

***

***וועלכע ספּעציעלע זאכן און הַדְרָכוֹת האט דער ראש ישיבה מְקַבֵּל געווען פון מוֹהֲרָא"ש בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ?***

אויף אייער פראגע, וועלכע ספּעציעלע זאכן און הַדְרָכוֹת איך האב מְקַבֵּל געווען פון מוֹהֲרָא"ש בְּחַיִּים חַיּוּתוֹ; עס איז שווער אראפּצושרייבן אין איין בְּרִיוו אלע שיינע זאכן וואס איך האב זוֹכֶה געווען צו הערן פון מוֹהֲרָא"ש, איך וועל אייך שרייבן דריי שיינע זאכן וואס איך האב זוֹכֶה געווען צו הערן פון מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דריי וויכטיגע יְסוֹדוֹת וואס האט געטוישט מיין לעבן צום גוטן.

ערשטנס א וועג ווי אזוי צו לערנען און ענדיגן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; מוֹהֲרָא"ש האט אונז געלערנט א "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" פאר יעדן איינציגסטן מענטש צו קענען לערנען און ענדיגן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ, אֲפִילוּ מען פארשטייט נישט ביים אנהויב וואס מען לערנט - זאל מען זיך נישט אפּשטעלן, נאר ווייטער לערנען; מען זאל זאגן די ווערטער פון די תּוֹרָה אֲפִילוּ בְּלֹא הֲבָנָה כְּלָל. מען זאל פּרובירן זיך קאנצענטרירן צו פארשטיין וואס מען לערנט; אז מען פארשטייט איז גוט, און אז מען פארשטייט נישט - זאל מען ווייטער גיין, ווייטער זאגן די ווערטער, זיך נישט אפּשטעלן; מען זאל לערנען און לערנען ביז מען וועט זוֹכֶה זיין צו פארשטיין (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

*

צווייטנס האב איך געהערט פון מוֹהֲרָא"ש די זאך פון הִתְבּוֹדְדוּת; ווי די גאנצע לעבן טוישט זיך צום גוטנס ווען מען רעדט און מען שמועסט מיט'ן אייבערשטן כְּיְדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, דאס איז ביי מיר געווען די שטערקסטע זאך וואס איך האב באקומען פון מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

אֲפִילוּ איך בין אויפגעוואקסן אין א שטוב פון אֱמוּנָה, אלע ווייסן פון תְּפִלָּה, מיינע עלטערן זענען זייער ערליכע אידן, אבער אויף לְעוֹבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, איך זאל אנהויבן לעבן מיט'ן אייבערשטן, זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן - האב איך באקומען ביי מוֹהֲרָא"ש; קענען שמועסן מיט'ן אייבערשטן, רעדן צו אים אזוי ווי מען רעדט מיט א גוטער פריינט.

*

דְרִיטְנְס הָאבּ אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"ש אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'. אֵיידֶער מַיין הִתְקָרְבוּת הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט וִוי אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען מוּז רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי וַוייבּ, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'עֶן מִיט אִיר; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

*

אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען עֶפֶּעס סְפֶּעצִיעֶל מֶער פוּן אַנְדֶערֶע; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם סְפָרִים אָן אַ שִׁיעוּר אוּן טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו, חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְזֶערֶע קְלֵיינֶע פַארְשְׁמִירְטֶע מֹחוֹת, מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אוּן פַארְשְׁטֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גָארְנִישְׁט סְפֶּעצִיעֶל גֶעזָאגְט; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָ' פַאר צֶען יָאר יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי נָאכְן שִׁיעוּר אַרַיינְצוּגֵיין צוּ מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֶל הַקוֹדֶשׁ פְּנִימָה, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר לֶענְגֶער וִוי מִיט אַנְדֶערֶע, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט רֶעדְן מִיט מִיר אַסַאךְ מָאל אַ שָׁעָה אָדֶער מֶער; דִי חֲבֵרִים פְלֶעגְן מִיר פְרֶעגְן: "וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט? וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט?" אִיךְ פְלֶעג זֵיי זָאגְן: "מוֹהֲרָא"ש הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס סוֹדוֹת וָואס נָאר אִיךְ מֶעג וִויסְן אוּן אַנְדֶערֶע נִישְׁט, מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיט מִיר גֶעשְׁמוּעֶסְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי בְּרִיוו"; זַאכְן וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ פִירְן אַ יְשִׁיבָה, אַ חֵדֶר, אַ בֵּית חִנוּךְ לַבָּנוֹת, וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אִינְגֶעלַייט וְכוּ', פוּן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אוּן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. אַסַאךְ מָאל אִיז גֶעוֶוען פְּרָטִיּוּת'דִיגֶע שְׁאֵלוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי תַּלְמִידִים, אָדֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן מִיט דִי מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען קֶעגְן מִיר; אַלֶעס שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים וֶועט אַלֶעס זֶען.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט וֶועגְן דֶעם סֵפֶר מְגִלַּת סְתָרִים (סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תרח) דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן און רֶבִּי נַפְתָּלִי אַלֶעס וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אִין רָאשֵׁי תֵּיבוֹת און דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר זַיין זוּן, דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אַלֶע פְרֶעגְן 'פַארְוָועם הָאט דָאס מוֹהֲרָא"ש אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן?' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז: מוֹהֲרָא"ש הָאט דָאס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל, וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם סֵפֶר קֶען זֶען און פַארְשְׁטֵיין וָואס וֶועט זַיין דֶער גַאנְצֶער סֵדֶר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אָמֵן וְאָמֵן.

***

***עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, ווי אַזוֹי קֶען מֶען אָבֶּער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת און אֵייגְנַארְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס זֶענֶען אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מַעֲלוֹת און אֵייגְנַארְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַלְס פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט נֶעמֶען דִי עֵצוֹת, חִיזוּק און שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן און לֶעבְּן מִיט דֶעם פַאר מִיר אַלֵיינְס, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ סְפָרִים צִימֶער, לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג און אַ גַאנְצֶע נַאכְט, און זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דְבֵיקוּת"; דָאס וֵוייסְטוּ, אַז מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט סְפָרִים, מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיינֶע תַּאֲווֹת, מַיין תַּאֲוָה אִיז סְפָרִים"; יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז אַרוֹיס לְאוֹר עוֹלָם הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש, מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעהַאט אָנְגֶעגְרֵייט מֶענְטְשְׁן פַאר דֶעם, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנָה צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין דִי סְפָרִים גֶעשֶׁעפְטְן אוֹיפְזוּכְן פַאר אִים נֵייעֶ סְפָרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט יֶעדֶע סֵפֶר וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט פַארְשְׁפַּארְן זַיין טִיר אוּן זַיין פַּארְנוּמֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מוֹהֲרָא"ש הָאט אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ גֶעטוּן, עֶר הָאט אַלֶעס אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי וַוייזְן דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט בְּלָאטֶע צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

מִיר גֶעפוּנֶען, דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת ד.): "וַאֲנִי יָדַי מְלוּכְלָכוֹת בְּדָם", מַיינֶע הֶענְט זֶענֶען פַארְשְׁמִירְט צוּ מְטַהֵר זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעשְׁפֶּעט פוּן אִים; עַד הַיּוֹם וֶועסְטוּ הֶערְן מֶענְטְשְׁן רֶעדְן קֶעגְן דֶעם צַדִּיק.

מוֹהֲרָא"ש הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, עֶר הָאט סַךְ הַכֹּל גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן נוֹשְׂאִים וָואס קֵיינֶער וִויל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, מְחַזֵק זַיין בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, זֵיי זֶענֶען נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; זָאלְן זֵיי נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז זֵיי זֶענֶען דֶערְנָאךְ, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן זֵייעֶר תְּשׁוּבָה; אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, זֵיי וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְ'טַעֲנָה'עֶן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ זָאג דִיר צוּ אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט, אִיךְ גֵיי זַיין עֶרְלִיךְ" - נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי אָן.

עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַארְלוֹירְן, צֶעבְּרָאכְן, אַלֵיינְס; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶר צַעַר וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן זֶעט זֵייעֶר הַארְץ, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, זֵיי ווִילְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, זֵיי פַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, זֵיי זֶענֶען אָבֶּער נִישְׁט שׁוּלְדִיג; צוּ זֵיי אִיז מוֹהֲרָא"ש גֶעקוּמֶען אוּן זֵיי מְחַזֵק גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זֵיי

גֶעשְׁרִיבְּן טױזְנְטֶער בְּרִיװ זֵײ זָאלְן נִישְׁט אױפְגֶעבְּן, זֵײ זָאלְן זִיךְ אױסְ׳טַעֲנָה׳עֶן מִיטְ׳ן אֵײבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרַא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט כַּמָּה פְּעָמִים און דָאס גֶעשְׁרִיבְּן, װען עֶר װעט אַרױפְקוּמֶען אױבְן אִין הִימְל װעט עֶר זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר בָּחוּרִים און מֵײדְלֶעךְ, עֶר װעט אִיבֶּערְדְרֵײעֶן דֶעם בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, עֶר װעט טַעְנָה׳עֶן פַאר דִי אַלֶע װָאס מֶען הָאט אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר װעט זָאגְן פַאר דִי מְקַטְרְגִים זֵײ זָאלְן אַרָאפְּקוּמֶען זַײן דָא אױף דֶער װעלְט, װעלְן זֵײ זֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַײן אָפְּגֶעהִיטְן נָאר אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה; װילַאנְג מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף - אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה.

*

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִיקִים אױף דִי װעלְט, אָבֶער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵײגְנְאַרְטִיגְקֵײט פוּן מוֹהֲרַא״ש אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר װֵײסְט אַ װעג װִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים אױסְצוּלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ װעג פַאר יֶעדְן אֵײנֶעם װִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען און װערְן אַ גְרױסֶער צַדִיק.

מוֹהֲרַא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעדְרוּקְט און פַארְשְׁפְּרֵײט דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵײלִיגְן רֶבִּי׳ן, אַ װעג צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵײט נִישְׁט, דוּרְךְ זָאגְן בְּלױז דִי װערְטֶער פוּן תּוֹרָה.

פְּרֶעגְט נִישְׁט; מֶען הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט, מֶען הָאט גֶעשְׁפֶּעט; עַד הַיּוֹם שְׁפֶּעט מֶען פוּנֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב װָאס זֵײ װָאלְטְן װען גֶעדַארְפְט זַײן דִי עֶרְשְׁטֶע דָאס צוּ טוּן, דָאס אִיז דָאךְ נִישְׁט מוֹהֲרַא״שְׁ׳ס אֵײגֶענֶע אױסְגֶעטְרַאכְטֶע װעג, דָאס אִיז דִי װעג פוּן הֵײלִיגְן רֶבִּי׳ן, קוּקְט אַרֵײן אִין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו בַּאֲרִיכוּת, װאוּ עֶס שְׁטֵײט אַז מֶען דַארְף נִישְׁט בֵּײם לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי װערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין, וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם לֹא יָבִין אַחַר כָּךְ מַה בְּכָךְ? וְכוּ׳" זֵײ הָאבְן אָפְּגֶע׳חוֹזֶק׳ט דֶערְפוּן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַײט הָאבְן טױזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען אַ װעג צוּ לֶערְנֶען. מוֹהֲרַא״ש הָאט גֶערֶעדְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד בַּײ יֶעדֶע שִׁיעוּר,

עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אוּנְז: "הוֹיבְּט אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת", "הוֹיבְּט אָן זָאגְן גְמָרָא", "זוּכְט נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין, בַּיים סוֹף וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין", עֶס הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּקְן וִוי אֵיינֶער בֶּעט זִיךְ מֶען זָאל אִים אַ טוֹבָה טוּן, אַזוֹי פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּנְז בֶּעטְן; עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיר זָאלְן דָאס אָנְנֶעמֶען פַאר אוּנְזֶער אֵייגֶענֶע טוֹבָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען וֶוען מֶען וֶועט אוּנְז פְרֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע פְרַאגֶע (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ", הוֹיבּ אָן זָאגְן מִקְרָא וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ", הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנָיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי שְׁאֵלָה, מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן זַאכְן פוּן דִי וֶועלְט; דֶער צַדִּיק הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, עֶר טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען וֶועט פְרֶעגְן 'וָואס הָאסְטוּ גֶעלֶערְנְט?' וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי בּוּשָׁה, וִוי גְרוֹיס וֶועט זַיין דִי שַׁאנְד; מֶען וֶועט זִיךְ נִישְׁט וִויסְן וואוּ אַהִין צוּ טוּן.

*

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים דָאס אוֹיסְצוּלֶערְנֶען פַאר אַלֶעמֶען, עֶס אִיז דָא אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַזוֹיפִיל בְּרִיוו פוּן אַלֶע סָארְט זַאכְן אוּן אַלֶעס קוּמְט צוּרִיק צוּם זֶעלְבְּן מְכֻוָּן, אַלֶע בְּרִיוו עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט אֵיין עֵצָה: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן"; נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶוער דוּ בִּיסְט, וָואס דוּ טוּסְט, וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ - דֶערְצֵייל אַלֶעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, דֶערְצֵייל אִים וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט דְבֵיקוּת בְּשֵׁם.

*

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ צַדִּיקִים אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט פוּן מוֹהֲרָא"ש אִיז גֶעוֶוען, אַז אִים אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען

אַז עֶר וֵוייסְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, מִיט עֶלְטֶערְן, וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן דָאס אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

*

דָאס אִיז אַ קְלֵיינֶע בְּרֶעקֶעלֶע הַשָּׂגָה וָואס מִיר קֶענֶען זָאגְן, וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אוּן מִיר זֶעעֶן – וָואס דֶער צַדִּיק אִיז גֶעוֶוען.

***

***דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז זוֹכֶה מְחַזֵּק צוּ זַיין אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זִכּוּי הָרַבִּים, אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִימוּדִים פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע וֶוען אוּן וִוי אַזוֹי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי זִכּוּי הָרַבִּים, אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִימוּדִים פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן אוּן זֵיי מְחַזֵּק זַיין; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל עֶפֶענֶען דִי יְשִׁיבָה, רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אוּן פוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. מִיט דִי צַייט הָאבְּן דִי בָּחוּרִים אָנְגֶעהוֹיבְּן אָפְּצוּכַאפְּן דִי דְרָשׁוֹת אוּן דָאס אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַן הִתְעוֹרְרוּת אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת, בָּחוּרִים הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּם "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד", שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִינְגֶעלַייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְתַרְגֵּם זַיין דִי דְרָשׁוֹת פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אִידִישׁ זֵיי זָאלְן אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין, נָאכְדֶעם זֶענֶען גֶעקוּמֶען וָואס זֶענֶען מְתַרְגֵּם אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אוּן אוֹיף סְפַּאנִישׁ; עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן.

*

יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶס הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֶוערְן חֲתַנִים אִין יְשִׁיבָה הָאט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר חֲתַנִים אוּן אַבְרֵכִים, דֶעמָאלְט פְלֶעגְט זַיין שִׁיעוּרִים נִישְׁט בְּאוֹפֶן קָבוּעַ, נָאר שְׁטִילֶערְהֵייט פַאר תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה, מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶעמָאלְט גֶעלֶעבְּט אִיז דָאס גֶעוֶוען אוֹיף אַ קְלֵיינֶעם פַארְנֶעם.

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען מְנַחֵם אָבֵל זַיין דִי רֶעבֶּעצִין עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, זִי הָאט מִיר זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט; זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר צוֹאֵוויינְט, זִי הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ וָוארְט וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין מְהַלֵּךְ מַחֲשָׁבָה, פוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת בְּאוֹפֶן קָבוּעַ.

דִי רֶעבֶּעצִין הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַ זַאךְ וָואס זִי הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזָאגְט, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט מִיט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי שֵׂכֶל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט מוֹהֲרָא״ש"; אִיר וֵוייסְט דָאךְ זִיכֶער, וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין הָאט בַּאקוּמֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם הָאט מוֹהֲרָא״ש זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי אִיר, בַּיי דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אַז מֶען זָאל אִיר נִישְׁט גֶעבְּן דִי שַׁארְפֶע קִימָא טֶערֶעפִּי, מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען וֶועט גֶעבְּן פַאר מַיין וַוייבּ דִי שַׁארְפֶע מֶעדֶעצִין וֶועל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין נָאךְ פַאר אִיר פוּן דִי וֶועלְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִי אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן אוֹיבּ וֶועט זִי נִישְׁט נֶעמֶען קֵיין מֶעדֶעצִין וֶועט זִי זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק אוּן אִיךְ וֶועל אוֹיךְ בְּלַייבְּן לֶעבְּן"; זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיסְגֶעלַאכְט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אֱמוּנַת חֲכָמִים, זֵיי הָאבְּן גֶערוּפְן דָאקְטוֹרִים מִיט רַבָּנִים זָאלְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ מוֹהֲרָא״ש גֶעהַאלְטְן פֶּעסְט, אוּן וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים הָאט מוֹהֲרָא״ש זִיךְ גֶעבֶּעטְן: "פָאלְגְט מִיר, גֶעבְּט נִישְׁט פַאר מַיין וַוייבּ קֵיין טְרִיטְמֶענְטְס, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין אַ יְשׁוּעָה"; לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן גֶעבְּן טְרִיטְמֶענְטְס פַאר דִי רֶעבֶּעצִין, אוּן אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעזָאגְט - אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהֲרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז קוֹדֶם נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מְנַחֵם זַיין, הָאט זִי גֶעוֵויינְט זֵייעֶר בִּיטֶערְלִיךְ צוּ מִיר, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט? פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעהַאלְטְן קְלוּגֶער?!" דֶעמָאלְט הָאט זִי מִיר גֶעזָאגְט אַ וָוארְט וָואס אִיז מִיר אַרַיין אִין מַיינֶע בֵּיינֶער, זִי הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט

נִישְׁט צַאמְנֶעמֶען דִי אִינְגֶעלַייט אוּן דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין - וֶועט דִיר מַיין מַאן הַאקְן אוֹיפְ'ן קָאפּ מִיט אַ שְׁטֶעקְן, אִיךְ וָוארְן דִיר אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לָאזְן צֶעפַּאלְן דִי שֵׁיינֶע חֲבוּרָה", זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט אִין עֶנְגְלִישׁ אוּן מַיין וַוייבּ הָאט מִיר דָאס אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט; דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל צַאמְנֶעמֶען דִי חֲבֵרִים אוּן תַּלְמִידִים, אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַלֶע אִינְגֶעלַייט אוּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַזֵק זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

***

***דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְחַזֵק אוּן מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער וִויל הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז מְחַזֵק אוּן מְקָרֵב אַזוֹיפִיל בָּחוּרִים פוּן אַלֶע סָארְט שִׁיכְטְן אוּן קְרֵייזְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶער וִויל הֶערְן אוּן מְקַבֵּל זַיין, וָואס אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע הַצְלָחָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיס דֶעם סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן כט): "לֹא כָּל דִּבּוּר נִקְרָא דִּבּוּר, כִּי דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל אֵינוֹ נִקְרָא דִּבּוּר", וֶוען מֶען רֶעדְט אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט - הֵייסְט עֶס כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט, נָאר וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט - דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יט, ד) "אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים, בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם", וָואס אִיז דִי סוֹד מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן? "וְעִקַּר מַה שֶּׁנִּתְקַבֵּל הַדִּבּוּר, הוּא מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער, מֶען רֶעדְט פַּאזֶעטִיו - הֶערְט מֶען אוֹיס דִי דִיבּוּרִים, "וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ טוֹב בְּהַדִּבּוּר, אֲזַי הַדִּבּוּר נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל", דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן אַלֶע צוּהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט, "אֲבָל כְּשֶׁאֵין טוֹב בְּהַדִּבּוּר אֵינוֹ נִתְקַבֵּל", אָבֶער אוֹיבּ רֶעדְט מֶען נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער - וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, "וְאֵיךְ עוֹשִׂין הַטּוֹב בְּהַדִּבּוּר", וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו, צוּ רֶעדְן אַיינְגֶענֶעמֶע וֶוערְטֶער, מֶענְטְשְׁן זָאלְן אִים אוֹיסְהֶערְן אוּן אָנְנֶעמֶען וָואס עֶר

זָאגְט? "הוּא עַל יְדֵי שֶׁלּוֹקְחִין הַדִּבּוּר מֵהַדַּעַת, אֲזַי יֵשׁ בּוֹ טוֹב, אֲבָל כְּשֶׁהַדִּבּוּר בְּלֹא דַּעַת, אֲזַי אֵין בּוֹ טוֹב", אַז מֶען רֶעדְט מִיט שֵׂכֶל; וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׂכֶל'דִיגֶע וֶוערְטֶער - דֶעמָאלְט אִיז דָא גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער אוּן אַלֶע נֶעמֶען דָאס אָן, אָבֶּער אַז נִישְׁט - זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט גוּט, "וּלְהָקִים וּלְרוֹמֵם אֶת הַדַּעַת הוּא עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת", אוּן דֶער רֶבִּי עֶנְדִיגְט צוּ: וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ הָאבְּן שֵׂכֶל? אַז מֶען רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים.

דָאס אִיז דֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט צוּ בְּנֵי הַנְּעוּרִים - זֵיי זָאלְן אָנְנֶעמֶען דִי דִיבּוּרִים. אַז מֶען רֶעדְט פוּן צַדִּיקִים, מֶען רֶעדְט הִתְחַזְּקוּת, מֶען וַוייזְט דִי רַחֲמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי וַוייט דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין טוּמְאָה קֶען עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי דִיבּוּרִים אִיז נִתְקַבֵּל עַל הַלֵּב, מֶען רֶעדְט פָּאזֶעטִיוו, מֶען וַוייזְט דִי רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס הָאבְּן מֶענְטְשְׁן לִיבּ צוּ הֶערְן.

***

***וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב אַז עֶס צִיט צוּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אִידְן? מִיט וָואס הָאט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידוּת אַן עֶנְטְפֶער אוּן עֵצָה פַאר דִי פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן סְפֵיקוֹת וָואס מוּטְשֶׁעט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר?***

אוֹיף אַייעֶר פְּרַאגֶע וָואס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב אַז עֶס צִיט צוּ זִיךְ אַזוֹיפִיל אִידְן? מִיט וָואס הָאט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידוּת אַן עֶנְטְפֶער אוּן עֵצָה פַאר דִי פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן סְפֵיקוֹת וָואס מוּטְשֶׁעט דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר; דָאס וָואס מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר גֶערֶעדְט - דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן צִיעֶן זִיךְ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט חִיזּוּק, דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט פַאלְן, דִי חִיזּוּק וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּיים רֶבִּי'ן - גֶעפִינְט מֶען נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְט אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וִויסְן זָאלְט אִיר, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען הַיינְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען

זֵייעֶר דוּרְשְׁטֶערִיג פַאר חִיזוּק, אִידִישֶׁע קִינְדֶער בֶּענְקֶען זִיךְ זֵייעֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַכֹּל חֲפֵצִים לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עג) מִיט אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען; פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת הַיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶענְטְשְׁן פַאלְן זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפּ אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, מֶען שְׁפִּירְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן; בִּיז מֶען הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין"; נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ! יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דַארְפְסְט נָאר שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דִיר מוֹחֵל זַיין אוּן דִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ אִים.

דָאס אִיז דֶער עֶנְטְפֶער פַארְוָואס בְּרֶסְלֶב צִיט אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ, קַיין מִשְׁפָּחָה - וָואס דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזוּק.

***

***חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב וֶוערְט הַיינְט זֵייעֶר צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעעֶפֶנְט אוֹיף גָאר אַ בְּרֵייטֶע פַארְנֶעם, קֶעגְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; וָואס אִיז דִי סִיבָּה פוּן דֶעם גֶעבֶּענְטְשְׁטְן טוּישׁ וָואס הָאט פַּאסִירְט?***

אוֹיף אַייעֶר פְרַאגֶע פַארְוָואס חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב וֶוערְט הַיינְט אַזוֹי צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעעֶפְנְט אוֹיף גָאר אַ בְּרֵייטֶע פַארְנֶעם, קֶעגְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּפְצִיג יָאר צוּרִיק; עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִנְיָן אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט אַרוֹיס דָאס וָוארְט "בְּ רֶ סְ לֶ ב", דוּרְךְ הֲפָצָה הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט ווִיסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט נֶעמֶען חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן; אֲפִילוּ דִי מִתְנַגְדִים לֶעבְּן אוֹיךְ פוּן רֶבִּי'ן, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט; זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי הָאבְּן חִיזוּק פוּן דֶעם אוּן יֶענֶעם, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז דֶער בַּעַל דַרְשָׁן פוּן וֶועם זֵיי נֶעמֶען חִיזוּק - עֶר נֶעמְט חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

*

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ וֶוערְן אוֹיסְגֶעלֵייזְט. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלו הֶעָרָה צ) מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי עֶר זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן עֶפֶּעס סוֹדוֹת פוּן מְגִלַּת סְתָרִים, זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט פָארְאוֹיסְגֶעזָאגְט וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, הָאט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וֶוען דִי וֶועלְט וֶועט אָנְנֶעמֶען דֶעם לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קֶען מֶען זִיךְ רֶעכְנְן אוֹיף מָשִׁיחַ"; דָאס זֶעט מֶען הַיינְטִיגֶע טֶעג, וִוי עֶס גֵייט אַריין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִין דִי וֶועלְט מֶער אוּן מֶער, עֶס וֶוערְן מְקוֹרָב פוּן אַלֶע שִׁיכְטְן אוּן פוּן אַלֶע קְרֵייזְן, אוּן וִויפִיל מֶען זֶעט אוּן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעלְן זִיךְ אַרוֹיס - אִיז דָאס נָאךְ גָארְנִישְׁט וִויפִיל לֶעבְן פוּן רֶבִּי'ן; אַלֶע הָאבְּן חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן.

דִי אַדְמוֹרִי"ם וֵוייסְן נִישְׁט אַז אַלֶע זֶענֶען שְׁטִילֶערְהֵייט בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, בַּאלְד וֶועט דִי פֵייגְל גֶעבְּן אַ פַּייף אוּן אַלֶע וֶועלְן פְלִיעֶן מִיטְ'ן פֵייגְל קַיין אוּמַאן. אַזוֹי הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרג) עֶס אִיז דָא אַ פֵייגְל וָואס לֵייגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, דִי פֵייגְל לֵייגְט אַזוֹיפִיל אֵייעֶר אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר דִי פֵייגְל צוּ זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר אוּן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִינֶעם פֵייגְל אַ טֶבַע אַז זִי שְׁוִוינְדְלְט אַרַיין אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן. דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן כַאפְּן נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם שְׁפִּיל, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן זִיצְן אוֹיף דִי אֵייעֶר בִּיז עֶס וֶוערְן גֶעבּוֹירְן פֵייגְלֶעךְ, אַזוֹי טוּט דִי פֵייגְל מִיט אַסַאךְ נֶעסְטְן, אַלֶע פֵייגְלֶעךְ מֵיינֶען אַז דִי אֵייעֶר זֶענֶען זֵייעֶרֶע אֵייעֶר, בִּיז דִי פֵייגְל, דִי עֶכְטֶע מַאמֶע - גֶעבְּט אַ פַּייף, אוּן וֶוען דִי אַלֶע גֶעבּוֹירֶענֶע פֵייגְלֶעךְ הֶערְן דֶעם פַּייף הֵייבְּן זִיךְ אַלֶע אוֹיף פוּן זֵייעֶר נֶעסְט אוּן פְלִיעֶן מִיט דִי עֶכְטֶע מַאמֶע.

רֶבִּי נָתָן עֶנְדִיגְט דֶעם שִׂיחָה: "וְהַנִּמְשָׁל מוּבָן מְעַט לְמִי שֶׁיּוֹדֵעַ אֵיזֶה רֶמֶז מֵעִנְיַן גְּדֻלַּת עֵסֶק הַנְהָגַת שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עִם הָעוֹלָם", דִי נִמְשָׁל פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין דִי וָואס וֵוייסְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי מַאכְט מִיט זַיינֶע מְקוֹרָבִים, מֶען מֵיינְט זֵיי בַּאלַאנְגֶען צוּ אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ן, צוּ דֶעם רֶבִּי'ן, צוּ דֶעם מְפֻרְסָם וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען זֵיי דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵייעֶר, בַּאלְד וֶועט דֶער

רֶבִּי גֶעבְּן אַ פַּייף און אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אִיבֶּערְלָאזְן זֵייעֶרֶע נֶעסְטְן און קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט זַיין צוּפְרִידְן מִיט דִי תְּשׁוּבוֹת און עֶס וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען אַ תּוֹעֶלֶת פוּן דֶעם.

***

אִיךְ וִויל אַייךְ בֶּעטְן אֵיין קְלֵיינֶע בַּקָשָׁה, הֱיוֹת אִיר גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר, אִיר נֶעמְט צוּזַאם פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ און פוּן אַלֶע וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זָאלְט אִיר אַרַיינְדְרוּקְן דִי פָּאר שׁוּרוֹת:

טֵייעֶרֶע לִיבֶּע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט מִיט הוּנְדֶערְטֶער יָארְן צוּרִיק (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיט): "אֲנִי אֶעֱשֶׂה מִכֶּם כִּתּוֹת כִּתּוֹת", אִיךְ וֶועל מַאכְן פוּן אַייךְ גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס; דָאס מֵיינְט עֶס וֶועט זַיין אַסַאךְ כִּיתּוֹת אִין בְּרֶסְלֶב, יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט גֵיין דָארְט וואוּ זַיין הַארְץ צִיט אִים, דָארְט וואוּ עֶר קֶען שֶׁעפְּן חַיוּת אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דֶערִיבֶּער זֶעעֶן מִיר וִויפִיל כִּיתּוֹת עֶס אִיז דָא אִין בְּרֶסְלֶב בִּכְלַל און יֶעצְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בִּפְרַט, אָבֶּער מִיר מוּזְן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הֶערְט אוֹיף זִיךְ פַּיינְט הָאבְּן, לָאזְט אָפּ דִי פַּיינְטְשַׁאפְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְז, לָאמִיר זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. אִיר גֶעדֶענְקְט דָאךְ אַלֶע אִין אוּמַאן דִי פֵייעֶרְדִיגֶע תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשׁוֹת, אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי מַרְאֶה נוֹרָא וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּזַאמֶען מִיט מוֹהֲרָא"שׁ צֶען יָאר, פוּן שְׁנַת תשס"ו - וָואס אִיז גֶעוֶוען מַיין עֶרְשְׁטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן קַיין לַאנְגֶע תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר הָאט מוֹהֲרָא"שׁ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין דְרָשָׁה פַאר שׁוֹפָר בְּלָאזְן, חוּץ צְוֵויי מָאל הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶערֶעדְט פַאר בְּלוֹיז צְוֵויי מִינוּט, אָבֶּער מִיט אַזַא גֶעוֵויין... וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ נָאר פוּן דֶעם וֵויין אִיךְ.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ רֶעדְן, אָבֶּער אֵיין זַאךְ וִויל אִיךְ אַייךְ בֶּעטְן, וֶוער עֶס הָאט אַ שִׂנְאָה אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד דָא אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בֶּעט אִיךְ אִים עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ" - מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעוויינְט, קוֹים וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט רֶעדְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן זַיין רֵיינֶע הַארְץ: "אִיךְ ווִיל הָאבְּן רֵיינֶע ד' אַמּוֹת אָן קַיין מַחֲלֹקֶת, אָן קַיין שִׂנְאָה אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן", יֶעדֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין שׁוּל הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן. מֶען הָאט גֶעזֶען וָואס מוֹהֲרָא"שׁ ווִיל בֶּאֱמֶת, ווִי עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אַזוֹי ווִי עֶר שְׁרַייבְּט אִין דִי לֶעצְטֶע בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין שְׁפִּיטָאל אַפָּאר שָׁעָה פַארְ'ן הִסְתַּלְקוּת, פַאר דִי אִינְגֶעלַייט: "אִיר זָאלְט זִיךְ זַייעֶר הִיטְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן אַייךְ, עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבְּן אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט".

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען מְתַקֵּן מִקְרֶה לַיְלָה?

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, וָואס זֶענֶען מִיר זַייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה, לֵיידֶער פַּאסִירְט בַּיי מִיר אַסַאךְ מָאל מִקְרֶה לַיְלָה, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי צֶעמִישְׁט, דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז מִיר שׁוֹין גֶע'הַרְגְ'ט, אִיךְ קֶען שׁוֹין כִּמְעַט נִישְׁט לֶערְנֶען, אִיךְ ווֶער זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט, וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ״ט אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

הַדָּבָר הָרִאשׁוֹן - זָאלְסְטוּ גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע תִּיקוּן אוֹיף מִקְרֶה לַיְלָה, צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים; קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן צב) וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קמא) אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִּיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן.

שֵׁנִית - זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ הִיט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קסט) שִׂמְחָה אִיז אַ שְׁמִירָה אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קד, לד-לה): ״אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה׳, יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ, וּרְשָׁעִים עוֹד אֵינָם״, וֶוען אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט: יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ - אִיז מֶער נִישְׁטָא קַיין עֲבֵירוֹת.

אַז דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט מִקְרֶה לַיְלָה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִיר, וֶוערְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן גָארְנִישְׁט טוּן יֶענֶעם טָאג; וָואס טוּסְטוּ וֶוען דוּ צֵיילְסְט דַיין גֶעלְט אוּן דוּ זֶעסְט אַז דוּ הָאסְט פַארְלוֹירְן אַפָּאר הוּנְדֶערְט שֶׁקֶל? וֶועסְטוּ יֶעצְט נֶעמֶען דַיינֶע אִיבְּרִיגֶע גֶעלְט אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן, מִיט׳ן טַעֲנָה: ׳אִיךְ הָאבּ שׁוֹין סַיי וִוי פַארְלוֹירְן גֶעלְט, וַוארְף אִיךְ אַוֶועק נָאךְ גֶעלְט׳?! דוּ וֶועסְט דָאס זִיכֶער נִישְׁט טוּן, נָאר דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט

צוּ פַארְלִירְן נָאכְאַמָאל גֶעלְט; בְּרוּחָנִיּוּת אִיז נָאךְ אַסַאךְ מֶער וִויכְטִיג אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן קַיין אֵיין טָאג, קַיין אֵיין שָׁעָה - פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין מִקְרֶה לַיְלָה - זָאלְסְטוּ וָואס פְּרִיעֶר גֵיין אִין מִקְוֶה; וָואס פְּרִיעֶר אִיז בֶּעסֶער, וַוייל מִקְוֶה מֶעקְט אוֹיס אַלֶעס, עֶס הַרְגְ׳עֶט דִי מַשְׁחִיתִים אוּן קְלִיפּוֹת, אוּן זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. אוּן אַז דוּ קֶענְסְט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי הַארְץ רַייסְנְדֶע תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, דִי תְּפִלָּה אוֹיף תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, זָאג דִי וֶוערְטֶער בַּיי דִי תְּפִלָּה: "וּבִפְרָט כָּל הַטִּפּוֹת שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי בַּלַּיְלָה הַזֹּאת, עַל יְדֵי מִקְרֶה לַיְלָה שֶׁקָּרָה לִי בַּעֲווֹנוֹתַי הָרַבִּים", מֶען קֶען צֶעגֵיין פוּן דִי תְּפִלָּה, דָאס הַארְץ וֶוערְט צֶערִיסְן פוּן דִי תְּפִלָּה, וִוי מֶען בֶּעט: "מַר לִי מְאֹד אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם", עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער טַאטֶע אִין הִימְל, "מַר לִי מְאֹד רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים", עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, "רְאֵה אַנְחָתִי וְאַנְקָתִי", קוּק וִוי אִיךְ קְרֶעכְץ, "כִּי נַפְשִׁי מָרָה לִי מְאֹד", עֶס אִיז מִיר אַזוֹי בִּיטֶער, "עַד אֲשֶׁר אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיךְ אֲנִי יָכוֹל לִחְיוֹת מֵעֹצֶם מְרִירוּת נַפְשִׁי אֲשֶׁר עַד גָּבְהֵי שָׁמַיִם יַגִּיעַ", אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען לֶעבְּן אַזַא לֶעבְּן, "כִּי קַצְתִּי בְּחַיַּי, לָמָּה לִי חַיִּים כָּאֵלֶּה", אִיךְ עֶקְל זִיךְ פוּן אַזַא סָארְט לֶעבְּן, וָואס דַארְף אִיךְ אַזַא לֶעבְּן? "חַיִּים מָרִים וּמְרוֹרִים מִמָּוֶת", אַ לֶעבְּן וָואס אִיז עֶרְגֶער פוּן טוֹיט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דִי גַאנְצֶע תְּפִלָּה; דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי נָתָן צֶערַייסְט דָאךְ דָאס הַארְץ.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ; שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם פוּן פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת; מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אִיז מֶען זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן, מֶען וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן הֶ׳עֱלִיתָ מִ׳ן שְׁ׳אוֹל נַ׳פְשִׁי אִיז מִשְׁנָה, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

אוֹיף זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא יֶעדְן טָאג. דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רִיד): "'תַּלְמוּד' גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִיפָּה הַמְחַטַּאת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת 'לִילִית'"; אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא פַארְבְּרֶענְט מֶען דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר אוּן וָואס בַּאדֶערְט דִיר - זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ רֶעדְסְט.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִלָּה צוּ זָאגְן נָאךְ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי:

אָשִׁירָה לַה' בְּחַיָּי, אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי. יֶעֱרַב עָלָיו שִׂיחִי, אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה'. הוֹדוּ לַה' בְּכִנּוֹר, בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ לוֹ. אֱלֹקִים שִׁיר חָדָשׁ אָשִׁירָה לָּךְ, בְּנֵבֶל עָשׂוֹר אֲזַמְּרָה לָּךְ. עֲלֵי עָשׂוֹר וַעֲלֵי נָבֶל, עֲלֵי הִגָּיוֹן בְּכִנּוֹר. כִּי שִׂמַּחְתַּנִי ה' בְּפָעֳלֶךָ, בְּמַעֲשֵׂי יָדֶיךָ אֲרַנֵּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֲדוֹן כֹּל בּוֹרֵא כָּל הַנְּשָׁמוֹת, רִבּוֹן כָּל הַמַּעֲשִׂים, הַבּוֹחֵר בְּשִׁירֵי זִמְרָה. עָזְרֵנִי וְחָנֵּנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וּבַחֲסָדֶיךָ הָעֲצוּמִים, שֶׁאֶזְכֶּה לְעוֹרֵר וּלְהוֹצִיא וּלְגַלּוֹת כָּל הָעֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם סֵפֶר תְּהִלִּים. וּבִזְכוּת אֵלּוּ הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים שֶׁאָמַרְתִּי לְפָנֶיךָ, שֶׁהֵם כְּנֶגֶד עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁהֵם: אַשְׁרֵי, בְּרָכָה, מַשְׂכִּיל, שִׁיר, נִצּוּחַ, נִגּוּן, תְּפִלָּה, הוֹדָאָה, מִזְמוֹר, הַלְלוּיָהּ, בִּזְכוּת הַמִּזְמוֹרִים וּבִזְכוּת הַפְּסוּקִים וּבִזְכוּת תֵּבוֹתֵיהֶם וְאוֹתִיּוֹתֵיהֶם וּנְקֻדּוֹתֵיהֶם וְטַעֲמֵיהֶם וְהַשֵּׁמוֹת הַיּוֹצְאִים מֵהֶם מֵרָאשֵׁי תֵּבוֹת וּמִסּוֹפֵי תֵּבוֹת, וּבִזְכוּת דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם עִם כָּל הָעֲשָׂרָה צַדִּיקִים שֶׁיִּסְּדוּ סֵפֶר תְּהִלִּים, וּבִזְכוּת הַצַּדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אֲשֶׁר גִּלָּה וְתִקֵּן לוֹמַר אֵלּוּ הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים בִּשְׁבִיל תִּקּוּן הַבְּרִית, וּבִזְכוּת כָּל הַצַּדִּיקִים וְהַחֲסִידִים הָאֲמִתִּיִּים, תְּזַכֵּנִי וּתְחָנֵּנִי, שֶׁאֶזְכֶּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לְהוֹצִיא כָּל הַטִּפּוֹת קֶרִי שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי לְבַטָּלָה, בֵּין בְּשׁוֹגֵג בֵּין בְּמֵזִיד בֵּין בְּאֹנֶס בֵּין בְּרָצוֹן.

(אִם אוֹמֵר חַס וְשָׁלוֹם בִּשְׁבִיל מִקְרֶה שֶׁנִּזְדַּמֵּן לוֹ בְּאוֹתוֹ הַלַּיְלָה, יֹאמַר זֶה:

וּבִפְרָט כָּל הַטִּפּוֹת שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי בַּלַּיְלָה הַזֶּה, עַל יְדֵי מִקְרֵה לַיְלָה שֶׁקָּרָה לִי בַּעֲוֹנוֹתַי הָרַבִּים) כֻּלָּם אֶזְכֶּה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וּבְחֶמְלָתְךָ הַגְּדוֹלָה וּבְכֹחֲךָ הַגָּדוֹל, לְהוֹצִיאָם מֵהַקְּלִפּוֹת וּמֵהַסִּטְרִין אָחֳרָנִין מִכָּל הַמְּקוֹמוֹת שֶׁנָּפְלוּ וְנִתְפַּזְּרוּ וְנָפוֹצוּ וְנִדְּחוּ לְשָׁם, וְאַל יִדַּח מִמְּךָ נִדָּח. וְתַכְנִיעַ וּתְשַׁבֵּר וְתַהֲרֹג וּתְעַקֵּר וּתְכַלֶּה וּתְבַטֵּל כָּל הַקְּלִפּוֹת וְכָל הָרוּחִין וְשֵׁדִין וְלִילִין שֶׁנַּעֲשׂוּ וְנִבְרְאוּ וְנוֹצְרוּ עַל יְדֵי אֵלּוּ הַטִּפּוֹת שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי לְבַטָּלָה, וְתָסִיר מֵהֶם חִיּוּתָם, וְתוֹצִיא וְתִגְזֹל מֵהֶם הַחִיּוּת דִּקְדֻשָּׁה, וְכָל הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁבָּלְעוּ.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֵל חַי וְקַיָּם חַי הַחַיִּים מָלֵא רַחֲמִים, הַדָּן אֶת כָּל הָעוֹלָם לְכַף זְכוּת תָּמִיד, הֶחָפֵץ חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵיטִיב. אָבִי אָבִי, גּוֹאֲלִי וּפוֹדִי, יָדַעְתִּי ה׳ יָדַעְתִּי כִּי אֲנִי בְּעַצְמִי הַחַיָּב וְהַפּוֹשֵׁעַ אֲפִלּוּ בְּהַמִּקְרוֹת שֶׁנִּזְדַּמְּנוּ לִי בְּשׁוֹגֵג, כִּי לֹא שָׁמַרְתִּי אֶת הַמַּחֲשָׁבָה כְּלָל, וְהִרְהַרְתִּי בַּיּוֹם, עַד שֶׁבָּאתִי לִידֵי טֻמְאָה בַּלַּיְלָה, וְעַל יְדֵי זֶה קִלְקַלְתִּי מַה שֶּׁקִּלְקַלְתִּי וְגָרַמְתִּי מַה שֶּׁגָּרַמְתִּי וְשִׁחַתְּתִּי מַה שֶּׁשִּׁחַתְּתִּי.

אוֹי אוֹי אוֹי, אוֹיָה עַל נַפְשִׁי, אוֹי לְנַפְשִׁי כִּי גָמַלְתִּי לִי רָעָה. מָה אֹמַר, מָה אֲדַבֵּר, מָה אֶצְטַדָּק. מָה אֹמַר, מָה אֲדַבֵּר, מָה אֶצְטַדָּק. הָאֱלֹהִים מָצָא אֶת עֲוֹנִי. הִנְנִי לְפָנֶיךָ בְּאַשְׁמָה רַבָּה, הִנְנִי לְפָנֶיךָ מָלֵא בוּשָׁה וּכְלִמָּה, מָלֵא טִנּוּפִים וְלִכְלוּכִים, מָלֵא תּוֹעֵבוֹת רָעוֹת, וְאֵין שׁוּם לָשׁוֹן בָּעוֹלָם שֶׁאוּכַל לְכַנּוֹת בּוֹ עֹצֶם הָרַחֲמָנוּת שֶׁיֵּשׁ עָלַי. כִּי רַע וָמַר, כִּי נָגַע עַד הַנָּפֶשׁ.

מַר לִי מְאֹד אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, מַר לִי מְאֹד רִבּוֹן כָּל הָעוֹלָמִים. רְאֵה אַנְחָתִי וְאֶנְקָתִי, כִּי נַפְשִׁי מָרָה לִי מְאֹד, עַד אֲשֶׁר אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיךְ אֲנִי יָכוֹל לִחְיוֹת מֵעֹצֶם מְרִירוּת נַפְשִׁי אֲשֶׁר עַד גָּבְהֵי שָׁמַיִם יַגִּיעַ, כִּי קַצְתִּי בְּחַיַּי, לָמָּה לִי חַיִּים כָּאֵלֶּה, חַיִּים מָרִים וּמְרוּרִים מִמָּוֶת, אֶת קֻבַּעַת כּוֹס הַתַּרְעֵלָה שָׁתִית מָצִית, נַפְשִׁי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה לְבַד יָדַעְתָּ רִבּוּי וְעֹצֶם הַפְּגָמִים הַגְּדוֹלִים הָעֲצוּמִים וְהַנּוֹרָאִים שֶׁנַּעֲשִׂים עַל יְדֵי זֶה בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, וְעַתָּה אֵיךְ אוּכַל לְתַקֵּן זֹאת, וּבַמֶּה יִזְכֶּה נַעַר כָּמוֹנִי לְתַקֵּן אֶת אֲשֶׁר שִׁחַתִּי. אַךְ אַף עַל פִּי כֵן יָדַעְתִּי, וַאֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, כִּי אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, וַעֲדַיִן יֵשׁ לִי תִּקְוָה, וַעֲדַיִן לֹא אָבְדָה תּוֹחַלְתִּי מֵה, כִּי חַסְדֵי ה׳ כִּי לֹא תָמְנוּ כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמָיו.

עַל כֵּן בָּאתִי לְפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקַי וֵאלֹקֵי אֲבוֹתַי, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם אֱלֹקֵי יִצְחָק וֵאלֹקֵי יַעֲקֹב, וֵאלֹקֵי כָּל הַצַּדִּיקִים וְהַחֲסִידִים הָאֲמִתִּיִּים, וֵאלֹקֵי כָּל יִשְׂרָאֵל,

אֱלֹקֵי הָרִאשׁוֹנִים וְהָאַחֲרוֹנִים, שֶׁתְּרַחֵם עָלַי וְתַעֲשֶׂה אֶת אֲשֶׁר בְּחֻקֶּיךָ אֵלֵךְ וְאֶת מִשְׁפָּטֶיךָ אֶשְׁמֹר, וְתָכֹף אֶת יִצְרִי לְהִשְׁתַּעְבֵּד לָךְ, וְתִגְעוֹר בְּהַיֵּצֶר הָרָע וּתְגָרְשׁוֹ מִמֶּנִּי מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, וְתִשְׁמְרֵנִי וְתַצִּילֵנִי וּתְפַלְּטֵנִי מֵעַתָּה מִכָּל מִינֵי הִרְהוּרִים רָעִים וּמִמַּחֲשָׁבוֹת רָעוֹת וּמִפְּגַם הָרְאוּת וּמִפְּגַם הַדִּבּוּר, וְתַצִּילֵנוּ מֵעַתָּה מִכָּל מִינֵי פְּגַם הַבְּרִית שֶׁבָּעוֹלָם בְּמַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, וְתִהְיֶה עִמִּי תָּמִיד, וְתִשְׁמְרֵנִי וְתַצִּילֵנִי מִמִּקְרֶה בֵּין בַּיּוֹם וּבֵין בַּלַּיְלָה, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם.

אָבִינוּ מֶלֶךְ אֵל חַי וְקַיָּם, גּוֹאֵל חָזָק, שִׁטַּחְתִּי אֵלֶיךָ כַּפִּי. הַצֵּל הַצֵּל, הוֹשִׁיעָה הוֹשִׁיעָה, הַצֵּל לְקֻחִים לַמָּוֶת, הַצֵּל נִרְדָּף וְחַיָּב כָּמוֹנִי, הַצִּילֵנִי מִן הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת. תֵּן לִי תִּקְוָה וְלֹא אֹבַד חַס וְשָׁלוֹם, כִּי מַה בֶּצַע בְּדָמִי בְּרִדְתִּי אֶל שָׁחַת, הֲיוֹדְךָ עָפָר הֲיַגִּיד אֲמִתֶּךָ, דַּלּוּ עֵינַי לַמָּרוֹם אֲדֹנָי עָשְׁקָה לִּי עָרְבֵנִי, עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקֻנִי זֵדִים. כִּי אֵין לִי שׁוּם כֹּחַ אֶלָּא בְּפִי, אֵין לִי שׁוּם מָנוֹס וּמִבְטָח כִּי אִם עָלֶיךָ לְבַד, עַל חֲסָדֶיךָ הָעֲצוּמִים לְבַד, עַל רַחֲמֶיךָ הַגְּדוֹלִים, עַל חֶמְלָתְךָ הָאֲמִתִּית עַל חֲנִינוֹתֶיךָ הַנִּצְחִיּוֹת, וְעַל כֹּחַ וּזְכוּת הַצַּדִּיקִים שֶׁשָּׁמְרוּ אֶת הַבְּרִית בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת אַחֲרָיו, בָּהֶם תָּמַכְתִּי יְתֵדוֹתַי בָּהֶם אֶשָּׁעֵן וְאֶסָּמֵךְ, בִּזְכוּתָם וְכֹחָם אֶבְטַח וַאֲקַוֶּה כִּי לֹא תַעֲזֹב נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל לֹא תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת.

אֲהָהּ ה׳ מְפַלְטִי, אֲהָהּ ה׳ פּוֹדִי, רְאֵה מְסֻכָּן כָּמוֹנִי טֹרַף בְּלֵב יַמִּים, תְּהוֹם אֶל תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ. צוֹד צָדוּנִי כַּצִּפּוֹר אֹיְבַי חִנָּם, צָמְתוּ בַבּוֹר חַיָּי וַיַּדּוּ אֶבֶן בִּי, צָפוּ מַיִם עַל רֹאשִׁי אָמַרְתִּי נִגְזָרְתִּי. קָרָאתִי שִׁמְךָ ה׳ מִבּוֹר תַּחְתִּיּוֹת, קָרָאתִי שִׁמְךָ ה׳ מִבּוֹר תַּחְתִּיּוֹת.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, מָלֵא רַחֲמִים מָלֵא חֶסֶד חִנָּם, מָלֵא חֲנִינוֹת מָלֵא רַחֲמָנוּת, מָלֵא טוֹב מָלֵא רָצוֹן. כְּבָר קִבַּלְנוּ עָלֵינוּ לִקְרֹא אֵלֶיךָ תָּמִיד, וְהִנְנִי מְקַיֵּם קַבָּלָתֵנוּ, וְהִנְנִי קוֹרֵא אֵלֶיךָ מִמָּקוֹם שָׁפָל כָּזֶה, מִמְּקוֹמוֹת מְגֻנִּים כָּאֵלֶּה. מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ ה, מֵעִמְקֵי עֲמָקִים, מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ, עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָהּ.

וְאִם בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים יָרַדְנוּ לְמָקוֹם שֶׁיָּרַדְנוּ, וְיָרַדְנוּ עַכְשָׁו בְּעִקְבוֹת מְשִׁיחָא לִמְקוֹמוֹת נְמוּכִים וּשְׁפָלִים מְאֹד מְאֹד שֶׁלֹּא יָרְדוּ יִשְׂרָאֵל לְתוֹכָם מֵעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַתֵּרֶד פְּלָאִים אֵין עוֹזֵר לָהּ", אַף עַל פִּי כֵן אֵין אָנוּ

מְיָאֲשִׁים עַצְמֵנוּ חַס וְשָׁלוֹם בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם כְּלָל, כִּי כְּבָר הִבְטַחְתָּנוּ לַהֲשִׁיבֵנוּ מִמְּצוּלוֹת יָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "אָמַר ה' מִבָּשָׁן אָשִׁיב, אָשִׁיב מִמְּצֻלוֹת יָם". וּכְתִיב: "וְאַף גַּם זֹאת בִּהְיוֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם, לֹא מְאַסְתִּים וְלֹא גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר בְּרִיתִי אִתָּם, כִּי אֲנִי ה' אֱלֹקֵיהֶם".

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פְּתַח פִּיךָ לְאִלֵּם כָּמוֹנִי, וְתִשְׁלַח לִי דִּבּוּרִים מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן הַשָּׁמַיִם, בְּאֹפֶן שֶׁאוּכַל לְנַצֵּחַ אוֹתְךָ, לְרַצּוֹת וּלְפַיֵּס אוֹתְךָ, שֶׁתְּקַבֵּל בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים וּבַחֲסָדֶיךָ הָעֲצוּמִים אֶת אֵלּוּ הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים שֶׁאָמַרְתִּי לְפָנֶיךָ, כְּאִלּוּ אֲמָרָם דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּעַצְמוֹ. וְאַף עַל פִּי שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ לְכַוֵּן שׁוּם כַּוָּנָה מֵהַכַּוָּנוֹת הָעֲצוּמוֹת וְהַנּוֹרָאוֹת שֶׁיֵּשׁ בְּאֵלּוּ הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים. יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקַי וֵאלֹקֵי אֲבוֹתַי, שֶׁתְּהֵא חֲשׁוּבָה לְפָנֶיךָ הָאֲמִירָה בַּפֶּה לְבַד, כְּאִלּוּ הִשַּׂגְתִּי וְכִוַּנְתִּי כָּל הַסּוֹדוֹת וְהַכַּוָּנוֹת שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם, וְיִהְיוּ אֲמָרַי לְרָצוֹן לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל.

וְהִנְנִי מַשְׁלִיךְ יְהָבִי עָלֶיךָ, וְהִנְנִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְהַצַּדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אָמֵן, וְעַל דַּעְתָּם וְעַל כַּוָּנָתָם אָמַרְתִּי כָּל אֵלּוּ הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים, וּבִזְכוּתָם וְכֹחָם אֶזְכֶּה לְעוֹרֵר וּלְגַלּוֹת כָּל הָעֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁהֵם: שִׁיר פָּשׁוּט, כָּפוּל, מְשֻׁלָּשׁ, מְרֻבָּע, שֶׁהֵם כְּלוּלִים בְּשִׁמְךָ הַמְיֻחָד הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ. וּבִזְכוּת וְכֹחַ הַשְּׁנֵי שֵׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאֵלּוּ בְּמִלּוּאָם, שֶׁהֵם "אֵל אֱלֹקִים", כָּזֶה: אל"ף למ"ד, אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם, שֶׁהֵם עוֹלִים בְּמִסְפָּר תפ"ה [אַרְבַּע מֵאוֹת שְׁמוֹנִים וְחָמֵשׁ] כְּמִסְפַּר תְּהִלִּי"ם.

בְּכֹחַ אֵלּוּ הַשֵּׁמוֹת תְּזַכֵּנִי לְהוֹצִיא כָּל הַטִּפּוֹת קֶרִי לְבַטָּלָה מִבֶּטֶן הַקְּלִפָּה שֶׁבִּלְעָם, אֲשֶׁר מִסְפַּר שְׁמָהּ עִם הָאוֹתִיּוֹת עוֹלֶה תפ"ה, שֶׁהִיא בַּקְּלִפָּה כְּנֶגֶד קְדֻשַּׁת סֵפֶר תְּהִלִּים. וּבְכֹחַ אֵלּוּ הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים תְּעוֹרֵר הַשְּׁנֵי הַשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים "אֵל אֱלֹקִים", וְתַהֲרֹג, וּתְשַׁבֵּר וְתַכְנִיעַ, וְתַעֲקֹר וּתְכַלֶּה וּתְבַטֵּל אֶת הַקְּלִפָּה הַזֹּאת שֶׁבִּלְעָם, וְתַכְרִיחַ אוֹתָהּ לְהַפְלִיט כָּל הַטִּפּוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת מִבִּטְנָהּ וְקִרְבָּהּ, וְתִמְחֶה שְׁמָהּ וְזִכְרָהּ מִן הָעוֹלָם, וּתְקַיֵּם מִקְרָא שֶׁכָּתוּב: "חַיִל בָּלַע וַיְקִאֶנּוּ מִבִּטְנוֹ יֹרִשֶׁנּוּ אֵל".

וְתַהֲרֹג כָּל הַקְּלִפּוֹת שֶׁנִּבְרְאוּ עַל יְדֵי אֵלּוּ הַטִּפּוֹת, וְתוֹצִיא וְתִגְזֹל מֵהֶם הַחִיּוּת דִּקְדֻשָּׁה וְכָל הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁבָּלְעוּ עַל יְדֵי פְּגַם חֵטְא זֶה, כֻּלָּם תּוֹצִיאֵם וְתַחֲזֹר וּתְקַבְּצֵם בִּקְדֻשָּׁה שֵׁנִית, וּתְזַכֵּנוּ לְקַבֵּל עָלֵינוּ עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם בְּאַהֲבָה תָּמִיד, וְנִזְכֶּה לַעֲסֹק כָּל יָמֵינוּ בְּתוֹרָה וּתְפִלָּה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לִבְרֹא גּוּפִים וְכֵלִים קְדוֹשִׁים לְכָל הַנְּשָׁמוֹת דְּאָזְלִין עַרְטִילָאִין עַל יְדֵי עֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, עַל יְדֵי פְּגַם הַטִּפּוֹת קֶרִי שֶׁיָּצְאוּ מִמֶּנִּי לְבַטָּלָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַמִּיץ כֹּחַ וְרַב אוֹנִים, עֲשֵׂה מַה שֶּׁתַּעֲשֶׂה בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְתַקֵּן פְּגַם הַבְּרִית פְּגַם טִפֵּי הַמֹּחַ, בֵּין מַה שֶּׁפָּגַמְנוּ בָּזֶה בְּשׁוֹגֵג, בֵּין בְּמֵזִיד, בֵּין בְּאֹנֶס, בֵּין בְּרָצוֹן - עַל הַכֹּל תִּמְחֹל וְתִסְלַח לִי אֱלוֹהַּ סְלִיחוֹת, חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלֹחַ, וְנִזְכֶּה לְתַקֵּן כָּל הַפְּגָמִים בִּשְׁלֵמוּת בְּחַיֵּינוּ בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים הַקְּדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, (וְאִם יִהְיֶה עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ יֹאמַר זֶה: וּבִזְכוּת הַצַּדִּיק הַזֶּה הַשּׁוֹכֵן פֹּה, צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם, נַחַל נֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אֲשֶׁר אֲנִי מְכַתֵּת רַגְלַי וְטִלְטַלְתִּי עַצְמִי בְּטִלְטוּל הַקָּשֶׁה בִּשְׁבִיל לָבֹא הֵנָּה לְהִשְׁתַּטֵּחַ עַל קֶבֶר הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה, אֲשֶׁר הִבְטִיחָנוּ בְּחַיָּיו הַקְּדוֹשִׁים לַעֲמֹד בְּעֶזְרָתֵנוּ סֶלָה תָּמִיד, כְּשֶׁנָּבֹא עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְנִתֵּן פְּרוּטָה לִצְדָקָה וְנֹאמַר אֵלּוּ הָעֲשָׂרָה קַפִּיטְל תְּהִלִּים. וְהִנֵּה עָשִׂיתִי מַה שֶּׁמֻּטָּל עָלַי, עֲשֵׂה מַה שֶּׁעָלֶיךָ).

וּמְחֹל לִי וּסְלַח לִי, וְכַפֵּר לִי עַל כָּל הַחֲטָאִים וְהָעֲוֹנוֹת וְהַפְּשָׁעִים, שֶׁחָטָאתִי וְשֶׁעָוִיתִי וְשֶׁפָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ בִּרְמַ"ח אֵיבָרַי וּשְׁסָ"ה גִּידַי בְּמַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, וּבַחֲמִשָּׁה חוּשִׁים וּבִשְׁאָר כֹּחוֹת הַגּוּף, וּבִפְרָט מַה שֶּׁחָטָאתִי וּפָשַׁעְתִּי וּפָגַמְתִּי נֶגְדְּךָ בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁהוּא כְּלַל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, וְהָרַע בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי מִנְּעוּרַי עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

עַל הַכֹּל תִּמְחֹל וְתִסְלַח וּתְכַפֵּר מָלֵא רַחֲמִים, וּתְמַלֵּא כָּל הַשֵּׁמוֹת שֶׁפָּגַמְתִּי בְּשִׁמְךָ הַגָּדוֹל. הֶרֶב כַּבְּסֵנִי מֵעֲוֹנִי וּמֵחַטָּאתִי טַהֲרֵנִי, תְּחַטְּאֵנִי בְאֵזוֹב וְאֶטְהָר תְּכַבְּסֵנִי וּמִשֶּׁלֶג אַלְבִּין, תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה תָּגֵלְנָה עֲצָמוֹת דִּכִּיתָ, הַסְתֵּר פָּנֶיךָ מֵחֲטָאָי וְכָל עֲוֹנֹתַי מְחֵה. מְחֵה פְשָׁעַי לְמַעַנְךָ, כָּאָמוּר: "אָנֹכִי אָנֹכִי הוּא מֹחֶה פְשָׁעֶיךָ לְמַעֲנִי וְחַטֹּאתֶיךָ לֹא אֶזְכֹּר".

וּתְמַלֵּא עָלַי בְּרַחֲמִים, וּתְהִיֶה בְּעֶזְרִי תָּמִיד בִּזְכוּת וְכֹחַ הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים, וְתִשְׁמְרֵנִי וְתַצִּילֵנִי תָּמִיד, וְתִתֵּן לִי כֹּחַ לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרִי וְלָכֹף וּלְשַׁבֵּר אֶת

תַּאֲוָתִי, וְלֹא אֶפְגֹּם עוֹד מַה שֶּׁפָּגַמְתִּי, וְלֹא אֶעֱשֶׂה עוֹד הָרַע בְּעֵינֶיךָ, וְלֹא אָשׁוּב עוֹד לְכִסְלָה. אִם אָוֶן פָּעַלְתִּי לֹא אוֹסִיף, כִּי כְּבָר הִבְטַחְתָּנוּ, שֶׁגַּם עַל זֶה מוֹעִיל תְּפִלָּה וּבַקָּשָׁה לְהִנָּצֵל לְהַבָּא בְּרַחֲמֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים מִן הַיֵּצֶר הָרָע וְכַת דִּילֵהּ. (וְאִם יִהְיֶה עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ יֹאמַר זֶה: וּבִפְרָט עַל מְקוֹם צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה, עָזְרֵנִי בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים הַגְּנוּזִים פֹּה) וְרַחֵם עָלַי, וְתֶן לִי כֹּחַ וּגְבוּרָה מֵאִתְּךָ שֶׁאֶזְכֶּה לְהִתְגַּבֵּר וְלִכְבֹּשׁ אֶת יִצְרִי תָּמִיד, עַד שֶׁאֶזְכֶּה בְּרַחֲמֶיךָ לְגָרְשׁוֹ וּלְסַלְּקוֹ וּלְבַטְּלוֹ מֵעָלַי לְגַמְרֵי מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, כִּי כְּבָר כָּלוּ בְיָגוֹן חַיַּי וּשְׁנוֹתַי בַּאֲנָחָה, כָּשַׁל בַּעֲוֹנִי כֹּחִי וַעֲצָמַי עָשֵׁשׁוּ, עַד אֲשֶׁר כָּשַׁל כֹּחַ הַסַּבָּל.

רַחֵם עָלַי אָבִי אָב הָרַחְמָן, רַחֵם עָלַי שׁוֹמֵעַ תְּפִלָּה, חוּס וַחֲמֹל עָלַי שׁוֹמֵעַ צְעָקָה, שׁוֹמֵעַ אֲנָחָה, שׁוֹמֵעַ אֲנָקָה. רַחֵם רַחֵם, הַצֵּל הַצֵּל, הוֹשִׁיעָה הוֹשִׁיעָה, אַל יִפֹּל דָּמִי אַרְצָה לְפָנֶיךָ, אַל תִּתֵּן לְשַׁחַת נַפְשִׁי, הַצִּילֵנִי מִדָּמִים אֱלֹהִים אֱלֹהֵי תְּשׁוּעָתִי, תְּרַנֵּן לְשׁוֹנִי צִדְקָתֶךָ. חוּסָה עָלַי כְּרֹב רַחֲמֶיךָ כְּרֹב חֲסָדֶיךָ, יֶהֱמוּ נָא מֵעֶיךָ וַחֲנִינוֹתֶיךָ עַל עֲלוּב נֶפֶשׁ כָּמוֹנִי, עַל נִרְדָּף כָּמוֹנִי, עַל מְלֻכְלָךְ בַּחֲטָאִים כָּמוֹנִי, עַל חֲסַר דֵּעָה חֲסַר עֵצָה כָּמוֹנִי. כִּי לְךָ לְבַד עֵינֵינוּ תְּלוּיוֹת, לְךָ לְבַד רַעְיוֹנַי צוֹפִיּוֹת, דַּלּוּ עֵינַי לַמָּרוֹם, עֲזֹר נָא, הוֹשִׁיעָה נָּא, חוּס וַחֲמֹל נָא עָלַי, וְהוֹשִׁיעֵנִי לָשׁוּב אֵלֶיךָ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת וּבְלֵב שָׁלֵם, וְאֶזְכֶּה לִהְיוֹת תָּמִיד כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם. כְּחַסְדְּךָ חַיֵּנִי וְאֶשְׁמְרָה עֵדוּת פִּיךָ, לֵב טָהוֹר בְּרָא לִי אֱלֹקִים וְרוּחַ נָכוֹן חַדֵּשׁ בְּקִרְבִּי.

וּבְכֵן, יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה׳ אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, אֲדוֹן הַשִּׂמְחָה וְהַחֶדְוָה, אֲשֶׁר לְפָנֶיךָ אֵין שׁוּם עַצְבוּת כְּלָל לְעוֹלָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ", שֶׁתַּעַזְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָעֲצוּמִים, וּתְזַכֵּנִי לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד. מְשַׂמֵּחַ נַפְשׁוֹת עֲגוּמִים, שַׂמַּח נַפְשִׁי הָאֻמְלָלָה מְאֹד, הָעֲלוּבָה מְאֹד, הָעֲיֵפָה וְהַצְּמֵאָה וְהָרְעֵבָה אֵלֶיךָ מְאֹד, הָסֵר מִמֶּנִּי יָגוֹן וַאֲנָחָה, שַׂמֵּחַ נֶפֶשׁ עַבְדֶּךָ כִּי אֵלֶיךָ אֲדֹנָי נַפְשִׁי אֶשָּׂא. תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים, שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת פָּנֶיךָ, נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח. הָשִׁיבָה לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ, וְרוּחַ נְדִיבָה תִסְמְכֵנִי. שַׂבְּעֵנִי מִטּוּבֶךָ, וְשַׂמַּח נַפְשִׁי בִּישׁוּעָתֶךָ, וְטַהֵר לִבִּי לְעָבְדְּךָ בֶּאֱמֶת. עוּרָה כְבוֹדִי, עוּרָה הַנֵּבֶל וְכִנּוֹר, אָעִירָה שָׁחַר. זַכֵּנוּ לְכָל הָעֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁהֵם מַכְנִיעִים וּמְתַקְּנִים פְּגַם הַבְּרִית, כָּאָמוּר: "אֲבָרֵךְ אֶת ה׳ אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי

כִּלְיוֹתָי. לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה. בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת. יוֹמָם יְצַוֶּה ה׳ חַסְדּוֹ, וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי. לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ. אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם לְבָבִי אָשִׂיחָה וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי. הֲיֵאָכֵל תָּפֵל מִבְּלִי מֶלַח, אִם יֶשׁ טַעַם בְּרִיר חַלָּמוּת. פֶּן תִּתֵּן לַאֲחֵרִים הוֹדֶךָ וּשְׁנֹתֶיךָ לְאַכְזָרִי. וְלֹא אָמַר אַיֵּה אֱלוֹהַּ עֹשָׂי הַנֹּתֵן זְמִרוֹת בַּלָּיְלָה. שֶׁקֶר הַחֵן וְהֶבֶל הַיֹּפִי אִשָּׁה יִרְאַת ה׳ הִיא תִתְהַלָּל". וְנֶאֱמַר: "הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ. הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ. הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר, הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר. הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב. הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה. כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ".

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ, וְשָׂא נֵס לְקַבֵּץ גָּלֻיּוֹתֵינוּ, וְקָרֵב פְּזוּרֵנוּ מִבֵּין הַגּוֹיִם, וּנְפוּצוֹתֵינוּ כַּנֵּס מִיַּרְכְּתֵי אָרֶץ. וְקַבֵּץ נִדָּחֵנוּ יַחַד מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ לְאַרְצֵנוּ, וְקַיֵּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב: "וְשָׁב ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶת שְׁבוּתְךָ וְרִחֲמֶךָ, וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל הָעַמִּים אֲשֶׁר הֱפִיצְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ שָׁמָּה. אִם יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם, מִשָּׁם יְקַבֶּצְךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ. וֶהֱבִיאֲךָ ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר יָרְשׁוּ אֲבֹתֶיךָ וִירִשְׁתָּהּ, וְהֵיטִבְךָ וְהִרְבְּךָ מֵאֲבֹתֶיךָ". וְנֶאֱמַר: "נְאֻם ה׳ אֱלֹקִים מְקַבֵּץ נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל, עוֹד אֲקַבֵּץ עָלָיו לְנִקְבָּצָיו". וְנֶאֱמַר: "בּוֹנֵה יְרוּשָׁלַם ה׳, נִדְחֵי יִשְׂרָאֵל יְכַנֵּס". וּתְמַהֵר וְתָחִישׁ לְגָאֳלֵנוּ, וְתָבִיא לָנוּ אֶת מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, וְתִבְנֶה אֶת בֵּית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ, וַהֲבִיאֵנוּ לְצִיּוֹן עִירְךָ בְּרִנָּה, וְלִירוּשָׁלַיִם בֵּית מִקְדָּשְׁךָ בְּשִׂמְחַת עוֹלָם. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וּפְדוּיֵי ה׳ יְשֻׁבוּן וּבָאוּ צִיּוֹן בְּרִנָּה, וְשִׂמְחַת עוֹלָם עַל רֹאשָׁם, שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ וְנָסוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה". וְנֶאֱמַר: "כִּי בְשִׂמְחָה תֵצֵאוּ וּבְשָׁלוֹם תּוּבָלוּן, הֶהָרִים וְהַגְּבָעוֹת יִפְצְחוּ לִפְנֵיכֶם רִנָּה, וְכָל עֲצֵי הַשָּׂדֶה יִמְחֲאוּ כָף". וְנֶאֱמַר: "כִּי נִחַם ה׳ צִיּוֹן נִחַם כָּל חָרְבֹתֶיהָ, וַיָּשֶׂם מִדְבָּרָהּ כְּעֵדֶן וְעַרְבָתָהּ כְּגַן ה׳, שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יִמָּצֵא בָהּ, תּוֹדָה וְקוֹל זִמְרָה". שִׂמְחוּ בָהּ וְגִילוּ צַדִּיקִים, וְהַרְנִינוּ כָּל יִשְׁרֵי לֵב. אוֹר זָרֻעַ לַצַּדִּיק, וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה. שִׂמְחוּ צַדִּיקִים בַּה, וְהוֹדוּ לְזֵכֶר קָדְשׁוֹ. אָמֵן נֶצַח סֶלָה וָעֶד.

...

## וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הַאלְטְן אוּנְזֶערֶע חוּמְרוֹת בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר גֵייעֶן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיף פֶּסַח צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן מַיין מַאמֶע קוֹיפְט גֶעווִיסֶע עֶסְן פַאר דִי סְעוּדוֹת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס מִיר זָאלְן טוּן ווַייל מַיין מַאן אִיז מַקְפִּיד זִיךְ נִישְׁט צוּ מִישְׁן, אוּן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ בַּיי מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז מֶען נִישְׁט אַזוֹי מַקְפִּיד אוֹיף שְׁמוּעֶסְן מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן; וָואס זֶענֶען דִי הֲלָכוֹת בַּיי דֶעם? מֶעג אִיךְ אַרַיינְרֶעדְן אוּן זָאגְן פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרַט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן וָואס הִיטְן תּוֹרָה וּמִצְוֹת, וֶוען מֶען גֵייט צוּ זֵיי - נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט דִי אֵייגֶענֶע חוּמְרוֹת. אִין שְׁטוּבּ קֶען מֶען זִיךְ פִירְן מִיט שֵׁיינֶע מִנְהָגִים אוּן חוּמְרוֹת, אָבֶער וֶוען מֶען גֵייט צוּ עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן שׁוֹמְרֵי תּוֹרָה וּמִצְוֹת - דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִנְהָג, קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע חוּמְרָא, נָאר דִי אֵיין מִצְוָה פוּן כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעגֶעסְן זוּפּ אוּם פֶּסַח אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין אַלְטֶע מַאמֶע, זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן אֵיין טֶעלֶער. אַמָאל הָאט פַּאסִירְט, דִי מַאמֶע הָאט פַארְגֶעסְן אַז מֶען בְּרָאקְט נִישְׁט אוּן זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט שְׁטִיקְלֶעךְ מַצָּה אִין טֶעלֶער, אוּן צוּ אַלֶעמֶען׳ס ווָאוּנְדֶער הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק ווַייטֶער גֶעגֶעסְן פוּן דִי זוּפּ, עֶר הָאט אַוֶועקְגֶערִיקְט דִי שְׁטִיקְלֶעךְ מַצָּה צוּ אִיר זַייט אוּן עֶר הָאט ווַייטֶער גֶעגֶעסְן דִי זוּפּ, נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: ״נִישְׁט בְּרָאקְן אִיז אַ חוּמְרָא, אוּן ווֵיי טוּן דִי מַאמֶע, מְזַלְזֵל זַיין אִין מִצְוַת

כִּיבּוּד אֵם - אִיז אַ דְאוֹרַיְיתָא, אַ חוּמְרָא קֶען נִישְׁט אַוֶועקְשְׁטוּפְּן אַ דְאוֹרַיְיתָא״.

דֶערְפַאר וֶוען איר גֵייט צוּ אַייעֶרע עֶלְטֶערְן - זָאלְט אִיר זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן; אִין דֶעם דַארְף לִיגְן דֶער גַאנְצֶער קָאפּ, 'וִוי נָאךְ קֶען מֶען מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע'.

בְּנוֹגֵעַ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ'; בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּב אִיז מֶען אַ חֵלֶק פוּן דִי שְׁטוּב, וִוי אַזוֹי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ - אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ גוּטֶע סֵדֶר צוּ לֶערְנֶען לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו, וָואס זֶענֶען מִיר מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ סֵדֶר וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, וָואס אִיז אַ גוּטֶע וֶועג וָואס אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּן וִויפִיל צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אָבֶּער אַלְץ הָאבּ אִיךְ לְמַעֲשֶׂה אוֹיפְגֶעהֶערְט נָאךְ מַמָּשׁ אִין אָנְהוֹיבּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי חִיזוּק פוּן סֵפֶר לִקוּטֵי הֲלָכוֹת אוֹיף אַן אוֹפֶן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל עֶס פַארְשְׁטֵיין, דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע בְּרִיוו; נָאכְדֶעם וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר אִין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיי דִי חוּמְרָא פוּן גֶעבְּרָאקְטְס אוּם פֶּסַח**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי ווִי דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען מִילְךְ אוֹיף פֶּסַח מִיט אַ הֶכְשֵׁר פוּן בַּדַ"ץ עֵדָה הַחֲרֵדִית אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין דֶעם קַיין טְרָאפּ וַואסֶער, אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ בְּרָאקְן מִיט דֶעם?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וֶועגְן "מַצָּה בְּרֵיי", מַצָּה וָואס וֶוערְט גֶעפְּרֶעגְלְט מִיט נָאךְ זַאכְן; וֶוען מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אַז עֶס זָאל נָאר הָאבְּן אֵייעֶר, אָדֶער דִי סְפֶּעצִיעֶלֶע מִילְךְ, אָן קַיין טְרָאפּ וַואסֶער, אִיז עֶס אַ פְּרָאבְּלֶעם פוּן גֶעבְּרָאקְטְס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז אִיז מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד נִישְׁט צוּ בְּרָאקְן אוּם פֶּסַח, דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי חוּמְרָא. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, דֶער עִיקָר חוּמְרָא פוּן בְּרָאקְן אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן מַצָּה אִין זוּפּ אָדֶער אִין וַואסֶער וְכוּ', אָבֶּער שְׁמִירְן פוּטֶער אָדֶער אַוואקַאדָא וְכוּ', אָדֶער לֵייגְן מַצָּה אִין זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין וַואסֶער - דָאס אִיז נִישְׁט בְּרָאקְן, דָאס קֶען מֶען טוּן; מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַסְרְ'ן.

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען אוֹיף דֶעם אוֹיךְ מַקְפִּיד אָבֶּער פַאר אַנְדֶערֶע קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן דָאס נִישְׁט צוּ טוּן.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן זִיךְ אַרַיינְטוּן דֶעם קָאפּ אִין חוּמְרוֹת, נָאר טוּן דִי מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מֶען טוּט

דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "גַּם מֵחָכְמוֹת שֶׁיֵּשׁ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בְּעַצְמוֹ צָרִיךְ לְהַרְחִיק מְאֹד", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן חָכְמוֹת, "כִּי כָּל אֵלּוּ הַחָכְמוֹת שֶׁל הָעוֹלָם שֶׁיֵּשׁ לְהַנִּכְנָסִין וּמַתְחִילִין קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֵינָם חָכְמוֹת כְּלָל, וְהֵם רַק דִּמְיוֹנוֹת וּשְׁטוּתִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים", דִי אַלֶע חָכְמוֹת וָואס מֶען הָאט וָוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חָכְמוֹת, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ, "וְאֵלּוּ הַחָכְמוֹת מַפִּילִין מְאֹד אֶת הָאָדָם מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּלָאזְן זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁחוֹשֵׁב וְחוֹקֵר וּמְדַקְדֵּק בְּיוֹתֵר, אִם הוּא יוֹצֵא כָּרָאוּי בַּמֶּה שֶׁעוֹשֶׂה", דָאס וָואס מֶען טְרַאכְט צִי מֶען אִיז יוֹצֵא דִי מִצְוָה וָואס מֶען טוּט - צִי נִישְׁט; מֶען אִיז מְדַקְדֵּק אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרֵיינְטְרַאכְטְן: 'אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ נִישְׁט יוֹצֵא, אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ יָא יוֹצֵא', דָאס אַלֶעס בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַלֶעס אָפְּלָאזְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן טוּן דִי מִצְוֹת מִיט שִׂמְחָה, אַרֵיינְלֵייגְן אַלֶע חוּמְרוֹת אִין שִׂמְחָה; זוּכְן אַלֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

...

**אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין גֶעפִיל, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְפְרִישְׁן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין עֶטְלִיכֶע וָואכְן וָואס אִיךְ פְּלָאג זִיךְ גֶעפֶערְלִיךְ, אוּן אִיךְ הֶער אוֹיךְ פוּן מַיינֶע אַרוּמִיגֶע אַז לֶעצְטְנְס בִּין אִיךְ נִישְׁט בַּיי זִיךְ גֶעהֶעְרִיג, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעהַאט נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, אָבֶּער בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א, און זַייט איך הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיז מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַנְדֶערְשׁ גֶעוָוארְן.

שׁוֹין אַ לַאנְגֶע תְּקוּפָה וָואס אִיךְ פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, אִיךְ בִּין יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה, אִיךְ לֶערְן אַ בְּלַאט בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, נַ"ךְ, רַמְבַּ"ם, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, און נָאךְ. דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, און דָאס הָאט מִיר שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן מִיט דִי נִסְיוֹנוֹת.

עֶס הָאט אַזוֹי אָנְגֶעהַאלְטְן מִיט גֶעשְׁמַאק בְּלוֹיז בִּיז עֶטְלִיכֶע וָואכְן צוּרִיק. אָבֶּער עֶס קְלַאפְּט שׁוֹין נִישְׁט און עֶס אַרְבֶּעט שׁוֹין נִישְׁט, יֶעצְט שְׁפִּיר אִיךְ שְׁטַארְקֶע שְׁוֶועריקַייטְן מִיט'ן הִיטְן דִי אוֹיגְן, מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית וְכוּ', וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן? עֶס אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעהֶערְט דֶערְפוּן? אוֹיסֶער צוּ לֶערְנֶען דִי לִימּוּדִים שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, גֵיין אִין מִקְוֶה, תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן טוּ אִיךְ שׁוֹין, און עֶס גֵייט מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן און עֶנְטְפֶערְן, וַוייל יֶעדְן טָאג וֶוערְט עֶס נָאר עֶרְגֶער פוּן נֶעכְטְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי וַוייטֶער מִיט דַיין עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם, זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן און מִיט דַיינֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת.

טְרַאכְט נִישְׁט אַז דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז אַ נְפִילָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן כה): ״וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה״, אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, ״שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה׳״, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט און עֶרְלִיךְ און פְּלוּצְלִינְג פַאלְן זֵיי אַרָאפּ וְכוּ׳, ״וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל״, בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נְפִילָה, ״רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת

וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ״ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ״, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ׳, אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶעג אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן דִי בָּארְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אֵיידֶער אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן פְלֶעג אִיךְ אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן מַיין בָּארְד. נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אָפְּשְׁנַיידְן, נָאר אַבִּיסְל שַׁיין גֶעמַאכְט עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּ לַאנְג. פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוֹרָב הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט, מַיין בָּארְד וַואקְסְט אָבֶער צוּ לַאנְג אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, ווייל אִיךְ טְרַאכְט אַז אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן אִיז דָאךְ נִישְׁט אָפְּשְׁנַיידְן, אִיךְ בֶּעט אָבֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן, אוּן אַזוֹי שְׁטוּפּ אִיךְ אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג.

וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַז מַיין בָּארְד אִיז צוּ צֶעשְׁלָאבֶּעט אוּן אַז עֶס וֶוערְט צוּ לַאנְג, אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. אֶפְשָׁר מֶעג אִיךְ יָא אַבִּיסְל אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן? אִיז דָאס אוֹיךְ אַן אִיסוּר אָדֶער אִיז דָאס גְרִינְגֶער? אֶפְשָׁר דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט וֶועגְן לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר מִיט בָּארְד אוּן פֵּאוֹת מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוּנְטֶערְשְׁנַיידְן דִי פֵּאוֹת אָדֶער דִי בָּארְד אַבִּיסְל - וִויבַּאלְד עֶס אִיז נָאכְאַלְץ דָא אַ בָּארְד?

אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ ווִיל אָבֶער טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל. אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַבִּיסְל אוֹיסְקְלָארְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁנַייד נִישְׁט דַיין בָּארְד, אוֹיךְ נִישְׁט לְמֶחֱצָה לִשְׁלִישׁ וְלִרְבִיעַ, אֲפִילוּ אַ מַשֶּׁהוּ; דִי בָּארְד אִיז דִי רֶערְן וָואס בְּרֶענְגְען דִי שֶׁפַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּם מֶענְטְשׁ. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ בַּאטִיטְלְט דִי בָּארְד: ״צִינוֹרוֹת דִקְדֻשָּׁה״, עֶס בְּרֶענְגְט אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן, גוּטְס אוּן נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דַיין וַוייבּ שְׁטֶערְט דַיין בָּארְד - קֶענְסְטוּ דָאס אַרַיינְדְרֵייעֶן, אַיינְקְנִיפְּן. מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. נָאךְ דִי חֲתוּנָּה הָאט זַיין וַוייבּ גֶעוָואלְט זַיין בָּארְד זָאל זַיין אַיינְגֶעקְנִיפְּט, אוֹיךְ דִי פֵּאוֹת. שְׁפֶּעטֶער, נָאכְדֶעם וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל גֵיין מִיט שֵׁיינֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּאוֹת, מִיט דִי בָּארְד אַרוֹיסְגֶעלָאזְט - הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ. דוּ קֶענְסְט אַזוֹי טוּן, אַיינְדְרֵייעֶן אָדֶער אַיינְקְנִיפְּן, אָבֶּער נִישְׁט שְׁנַיידְן אֲפִילוּ אַ בְּרֶעקְל.

לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְוִוישְׁן אוּמוֹת הָעוֹלָם, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פַּאר׳גוֹי׳אִישְׁט, מֶען הוֹיבְּט אָן לִיבּ הָאבְּן דִי אוֹיסְזֶען פוּנֶעם גוֹי, מֶען הוֹיבְּט אָן לִיבּ הָאבְּן אַ טְשׁוּפּ מִיט אַ גֶעגָאלְטְן פָּנִים, בִּיז אִידִישֶׁע טֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער הוֹיבְּן דָאס אָן נָאכְטוּן.

קוּק אַ שַׁארְפֶּע לָשׁוֹן וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וֶועגְן שְׁנַיידְן דִי בָּארְד (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גִילּוּחַ הֲלָכָה ג׳, אוֹת ב): ״עִקַּר הַדָּת יִשְׂרָאֵל וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אִיז אַן עִיקָר פוּן אַ אִיד אוּן פוּן דָאס גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, ״וּבָהֶם נִכָּר הַיְּהוּדִי כִּי הוּא מִזֶּרַע בָּרֵךְ ה׳, מִזֶּרַע יִשְׂרָאֵל״, אוּן מֶען דֶערְקֶענְט אַ אִיד דוּרְךְ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד. ״וּמִי שֶׁרוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, וְרוֹצֶה לְכַפֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל״, אוּן וֶוער עֶס וִויל לֵייקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״תְּחִלַּת הַכְּפִירָה הוּא, שֶׁמַּשְׁלִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מֵעָלָיו הַזָּקָן וְהַפֵּאוֹת״, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ נֶעמְט עֶר אַרָאפּ זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת, ״כִּי בֶּאֱמֶת כָּל דַּת יִשְׂרָאֵל הַקָּדוֹשׁ הוּא תָּלוּי בְּזָקָן וּפֵאוֹת״, וַוייל דָאס

גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת; קוּק אַרַיין דָארְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער מֶער בַּאֲרִיכוּת.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט לִיב וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זָאגְט, עֶר הָאט לִיב וִוי אַזוֹי צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט לִיב וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זָאגְט - דָאךְ טוּט עֶר רְצוֹן הַשֵּׁם, עֶר וֵוייסְט אַז וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט אוּן אַזוֹי דַארְף מֶען טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיג אִיךְ זִיךְ, נָאךְ שְׁוֶוערֶע בִּזְיוֹנוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן פוּן הַפָּצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּאר אִיךְ הוֹיבּ אָן שְׁרַייבְּן מַיין בְּרִיוו וִויל אִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיךְ בִּין צוּפִיל מַאֲרִיךְ בְּמָקוֹם שֶׁאָמְרוּ לְקַצֵּר. אִין אֶמֶת'ן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעטְרַאכְט צִי אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן מַיין שְׁאֵלָה יֶעצְט, ווַייל אִיךְ וִויל חָלִילָה נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ מִיט וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז פַארְנוּמֶען, וָואס אִיז אַסַאךְ וִויכְטִיגֶער פוּן מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, נָאכְדֶערְצוּ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע עֶרֶב פֶּסַח זְמַנִּים. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט אַוַדַאי מִיט אַז עֶס גֵייט אַרוּם אַ בִּילְד, וִוי אַ אִיד וָואס עֶנְדְלְט אִין מִיר גֵייט נָאךְ גֶעלְט בַּיי דִי הַייזֶער אִין קְרוֹינְהֵייטְס, אוּן עֶס אִיז צוּגֶעשְׁרִיבְּן "זַייט גֶעוָוארְנְט, עֶר אִיז אַ מִיסְיָאנֶער וָואס פַּארְטֵיילְט בִּיכֶער פוּן מוּחַמַד". אוּן זַייט עֶס אִיז פַארְשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַפָּאר טֶעלֶעפָאן רוּפְן פוּן מֶענְטְשְׁן, צִי עֶס אִיז טַאקֶע אִיךְ אָדֶער נִישְׁט.

וֶועל אִיךְ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א דְבָרִים כְּהַוְיָתָן, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין קְרוֹינְהֵייטְס אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בַּיי זִיךְ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים, הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ שָׁאד נִישְׁט צוּ מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דֶערְמִיט, הָאבּ אִיךְ אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט

אִין אַ הוֹיז, גֶעבֶּעטְן צְדָקָה, אוּן גֶעוָואלְט גֶעבְּן אַ סֵפֶר, נֶעמְט זִיךְ דִי פְרוֹי שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר: "דוּ בִּיזְט נִישְׁט ווֶעלְקָאם בַּיי אוּנְז, נֶעם דַיין גַארְבִּיטְשׁ אוּן גֵיי פוּן דָא! אַלֶע זֶענֶען שוֹין אָנְגֶעזָאגְט גֶעוָוארְן צוּ שְׁטֵיין וַוייט פוּן דִיר, אוּן נִישְׁט עֶפֶענֶען פַאר דִיר דֶעם טִיר!"

כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן, הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעטוּן דָאס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט אוֹיס, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁמֵייכְלְט, זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט, אוּן גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער צוּ אַן אַנְדֶערֶע הוֹיז. אָבֶּער וִוי נָאר אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם קוּמֶענְדִיגְן הוֹיז, אִיז מִיר גוּט גֶעוָוארְן, דֶער אִיד עֶפֶנְט אוֹיף דִי טִיר, אוּן אַנְשְׁטָאט אוֹיסְהֶערְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ זָאגְן, נֶעמְט עֶר אַרוֹיס זַיין טֶעלֶעפָאן, עֶר מִישְׁט אוּן מִישְׁט, אוּן עֶר וַוייזְט מִיר אַ בִּילְד פְרֶעגְנְדִיג: "אִיז דָאס דוּ?" "קֶען זַיין" - הָאבּ אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אֲהַא, וַוייל דִי גֶעגְנְט אִיז אָנְגֶעוָוארְנְט גֶעוָוארְן נִישְׁט צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר דִיר, וַוייל דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט פַאר 'מִיסְיָאנֶערְן'!"

דָא הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט, מֶען אִיז מִיר חוֹשֵׁד דָא מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַז זֵיי הָאבְּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, אוּן דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אוּן פַארְשֶׁעמְט.

כָּאטְשׁ אִיךְ הָאבּ זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּארוּאִיגְט נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי, בִּין אִיךְ אָבֶּער דָאךְ נָאר אַ בָּשָׂר וָדָם אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר מְחַזֵק זַיין אוֹיף דֶעם.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וִויסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל רוּפְן דֶעם אִיד צוּ דִין תּוֹרָה פַארְ'ן מִידְ מְבַזֶה זַיין אוּן אַרוּמְשִׁיקְן דֶעם בִּילְד?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, שַׁבַּת הַגָּדוֹל, ז' נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער מֵפִיץ וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט, אוּן דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער מֵפִיץ אוֹיף וֶועם מֶען שְׁרֵייט דִי מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער**

"מִיסְיָאנֶערְן". דָאס אִיז לֵיידֶער מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם וָואס מֶען פַארְטְרַייבְּט דִי הֶעלְדִישֶׁע מְפִיצִים וָואס גֵייעֶן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ - מִיט דִי מִיאוּסְ'עֶ וֶוערְטֶער.

מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן מִיר אַלְץ וָואס מֶען זָאגְט בַּיי הַפָּצָה; פוּן אֵיין זַייט נֶעמְט מֶען אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי וַוארֶעם, מֶענְטְשְׁן דֶערְקְוִויקְן זִיךְ מִיט דִי חִיזוּק, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶענֶען דָא וָואס פַארְשֶׁעמֶען אוּן אוֹיךְ וָואס שְׁרֵייעֶן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע וָוארְט מִישִׁינֶערִי"ס.

דֶער חִידוּשׁ אִיז אַז אִין קְרָאוּנְהַייטְס, דָארְט וואוּינֶען חֲסִידֵי חַבַּ"ד, בַּיי זֵיי אִיז דָאךְ דִי זֶעלְבֶּע ווִי בַּיי אוּנְז, זֵיי זֶענֶען דָאךְ עוֹסֵק אִין יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה, זֵיי טוּעֶן דָאס זֶעלְבֶּע פוּן בְּרֶסְלֶב; בֵּיידֶע חַסִידוּת'עֶר הָאבְּן אַלְץ עוֹסֵק גֶעוֶועְן אִין הַפָּצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן תּוֹרָה וַחֲסִידוּת, דֶער חִידוּשׁ אִיז אַז דָארְט זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן דִי מִיאוּסְעֶ וָוארְט מִישִׁינֶערִי"ס.

בְּרֶסְלֶב אוּן חַבַּ"ד הָאבְּן זִיךְ אַלְץ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל מַעֲשִׂיוֹת ווִי בְּרֶסְלֶב אִין חַבַּ"ד זֶענֶען גֶעוֶועְן אַזוֹי נָאנְט, זִיךְ אַלְץ לִיבּ גֶעהַאט; מִן הַסְתָּם דֶער וָואס הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִיר אוּן גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִיז אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן הַיינְט אִיז אַ שְׁנֶעלֶע וֶועלְט, אִין אֵיין מִינוּט קֶען מֶען פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵוייטְן מִסּוֹף הָעוֹלָם וְעַד סוֹפוֹ.

פַאר בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אִיז בִּזְיוֹנוֹת אַ הוֹן רַב, מֶען קוּמְט אָפּ אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס דוּרְךְ בִּזְיוֹנוֹת. דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, דוּ גֵיי וַוייטֶער מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, שְׁטֶעל זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר קֵיינֶעם, אוּן וֶוען דוּ כַאפְּסְט אַ בִּזָיוֹן זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס; בִּזְיוֹנוֹת לַייטֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים - דִי גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת פוּן צַדִיקִים, מֶען דַארְף נָאר אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ כֹּחַ צוּ קֶענֶען פַארְנֶעמֶען בִּזְיוֹנוֹת, אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ - וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט, אִין שְׁטָאט פְּרִימִישְׁלַאן הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע פְּרִימִישְׁלַאנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶועְן אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דָארְט אִין שְׁטָאט הָאט אוֹיךְ גֶעווּאוֹינְט אַ שְׁנַיידֶער וָואס פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר

אַסַאךְ מְצַעֵר זַיין און פַאַרְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיפְהֶער. רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן דִי בִּזְיוֹנוֹת בְּאַהֲבָה.

אֵיינְמָאל אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶעקוּמֶען אִין פְּרִימִישְׁלַאן, זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט פְרֵייד, און גֶעמַאכְט פַאר אִים אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. פַאר דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שְׁנַיידֶער: "יֶעצְט אֵיינְמָאל בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר נִישְׁט פַאַרְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, און אוֹיב דוּ וֶועסְט מִיר דָאס נִישְׁט צוּלִיב טוּן, וֶועל אִיךְ מוּזְן צוּשְׁפַּארְן דִי טִיר, און דִיר נִישְׁט אַרַיינְלָאזְן".

דֶער שְׁנַיידֶער הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט און גֶעזוּכְט אַ וֶועג אַרַיין, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אֵיין קְלֵיין פֶענְסְטֶערְל וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְן אָפְן, און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּשְׁרַייעֶן מִיט קוֹלוֹת אוֹיף רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע, אַלֶע מִינֵי בִּזְיוֹנוֹת, און רֶבִּי מֶענְדֶעלֶע אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַאַרְשֶׁעמְט דֶערְפוּן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס דָאס מֵיינְט, הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט: "דָאס אִיז דֶער שְׁנַיידֶער פוּן שְׁטָאט, וָואס פַאַרְשֶׁעמְט מִיר יֶעדְן טָאג. אִיךְ בִּין עֶס אֵייבִּיג מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה. אָבֶער הַיינְט הָאבּ אִיךְ אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַאַרְשֶׁעמֶען פַאר מַיין רֶבִּי'ן, אָבֶער עֶר הָאט דַוְקָא יָא גֶעוָואלְט מִיר פַאַרְשֶׁעמֶען".

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט: "הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיר פַאַרְשֶׁעמֶען יֶעדְן טָאג, אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן", וַוייל דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶעם וָואס לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט אָפְּשַׁאצְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: "עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן דִי נִרְדָּפִים, ווִי אֵיידֶער זַיין פוּן דִי רוֹדְפִים". וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:): "הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים", דִי וָואס וֶוערְן פַאַרְשֶׁעמְט און זֵיי פַאַרְשֶׁעמֶען נִישְׁט צוּרִיק, "שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָם וְאֵינָן מְשִׁיבִין", זֵיי הֶערְן ווִי מֶען שֶׁענְדְט זֵיי און עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט, "עוֹשִׂים מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִים בְּיִסּוּרִים", זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְשַׁאפְט און פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט זֵיי, אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ה, לא): "וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ",

לֶעָתִיד לָבוֹא וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זֵיי שַׁיינֶען דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵיי אוּן פֶּערְצִיג מָאל שְׁטֶערְקֶער וִוי דִי זוּן שַׁיינְט יֶעצְט.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

### זָאל אִיךְ רֶעדְן צוּ מַיין טַאטֶע עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען מַיין מַאמֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער מַצָּב בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז לֵיידֶער זֵייעֶר שְׁוֶוער, מַיין טַאטֶע טְרֶעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף מַיין מַאמֶע, עֶר טוּט אִיר וֵויי מִיט זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע וֶוערְטֶער, עֶר טְשֶׁעפֶּעט אִיר אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס שְׁטִימְט נִישְׁט אִין שְׁטוּב, אוּן דָאס גְלַייכְן, זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֵויינְט זִי פוּן דֶעם.

אִיךְ וֵויס אַז אִיךְ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעמֶען, מֵיין אִיךְ אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן, וֶועט דָאס אַבִּיסְל גְרִינְגֶער מַאכְן; מֶעג אִיךְ דָאס טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

חַס וְשָׁלוֹם, דוּ זָאלְסְט גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר דַיין טַאטֶע; שְׁטֵיי אִין דֶער זַייט, מִישׁ זִיךְ נִישְׁט אַרַיין.

דוּ רֶעד שַׁיין צוּ דַיין מַאמֶע, הֶעלְף אִיר, שְׁטֵיי אִיר צוּ אִיר הַאנְט, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיי מְכַבֵּד דַיין טַאטֶע מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס כָּבוֹד, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַארְף מֶען יָא אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קְלֵיידֶער, אָדֶער נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "אוּן אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט, וִוי מֶען גֵייט גֵייט מֶען", מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט יָא זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל גֵיין נָאר מִיט רֵיינֶע אוּן גַאנְצֶע קְלֵיידֶער, נִישְׁט גֵיין צֶערִיסְן אוּן שְׁמוּצִיג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי א', ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מוֹהֲרָא״ש אִיז מַסְבִּיר (נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן שָׁם) אַז דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ק): ״׳וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ׳, שֶׁהַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אַחֲרָא תּוֹפֶסֶת אֶת הָאָדָם בְּבִגְדוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁמַּטְרִיד אוֹתוֹ בְּטִרְדַת בְּגָדָיו וּמַלְבּוּשָׁיו״, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אִים פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער, ״כִּי טִרְדַת הִצְטָרְכוּת מַלְבּוּשִׁים וּבְגָדִים שֶׁל אָדָם הֵם מְבַלְבְּלִין מְאֹד אֶת הָאָדָם וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ עַל יְדֵי זֶה מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, דָאס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער. ״וְזֶהוּ ׳וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ׳״, דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים גֶעוָואלְט כַאפְּן אִין זַיין נֶעץ דוּרְךְ זַיינֶע קְלֵיידֶער, ״אַךְ מִי שֶׁהוּא בַּעַל נֶפֶשׁ וְלִבּוֹ חָזָק בַּה׳, אֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ גַּם עַל זֶה, אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לוֹ בֶּגֶד לִלְבֹּשׁ, אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ מַטְרִיד עַצְמוֹ בָּזֶה וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בָּזֶה״, אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער - וֶוערְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק (בְּרֵאשִׁית לט, טו-טז): ״וַיַּנַּח בִּגְדוֹ

אֶצְלָהּ וַיָּנָס״, וְכוּ׳, עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן זוֹיבֶּער רֵיין, אוֹיךְ דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט גֵיין מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער נִישְׁט אַרַיינְטוּן דֶעם קָאפּ אִין וְויאַזוֹי צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן, מִיט וָואס פַאר אַ קְלֵיידֶער, נָאר זִיךְ אַרַיינְטוּן אִין תְּפִלָּה, אִין שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית.

אַ כָּשֵׁר׳ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**מְסַדֵּר זַיין דִי שִׁיעוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין חֵיפָה; בִּיטֶע רֶעדְן מִיט דִי גַבָּאִים אִין יְרוּשָׁלַיִם. נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף גַבָּאִים, נָאר אַז אַלֶע זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן - דַארְף זַיין אַ סֵדֶר.

פוּן אִיבֶּערָאל בֶּעט מֶען מִיר צוּ קוּמֶען רֶעדְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, נִישְׁטָא קַיין צַייט אִין דִי צְוֵויי טֶעג צוּ זַיין אִין אַלֶע שְׁטֶעט; זֵיי זֶענֶען מְסַדֵּר יֶעדֶע מָאל צוּ זַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן, אֲפִילוּ וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת צַו, י״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיי אַנְדֶערֶע פְּרוֹיעֶן, אִין דִי טֶעג וְכוּ׳ - וֶוערְט מֶען טְרוֹיעֶרִיג; עֶס זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וָואס אִין דִי טֶעג פִירְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיף שֵׁיין צוּם מַאן וְכוּ׳.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּם מַאן, אוּן אַז מֶען אִיז אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע - זָאל מֶען דָאס נִישְׁט וַוארְפְן אוֹיפְ׳ן מַאן.

אַייעֶר מַאן אִיז זֵייעֶר אַ וֵוייכֶער, זֵייעֶר אַ גוּטֶער; גֶעבְּט אַכְטוּנְג, רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען פַארְטְרָאגְט זִיךְ - זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, כ״א אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. מִיר זֶענֶען הַיינְט גֶעוֶוען בַּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים; קֶבֶר שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, קֶבֶר רָחֵל, מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה, אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, רַשַׁ״שׁ אוּן קֶבֶר שִׁמְעוֹן הַצַּדִּיק. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר בִּפְרָטִיּוּת, הָאבְרֵךְ שַׁבְּתַי מַארְקוּס הָאט מִיטְגֶעשִׁיקְט אַלֶע נֶעמֶען וְכוּ׳, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן. בַּיים אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אוּן בַּיים רַשַׁ״שׁ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט בֶּעטְן פַאר דִיר בִּפְרָטִיּוּת, עֶס הָאט שְׁטַארְק גֶערֶעגְנְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה, זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, הָאבּ אֱמוּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן. נֶעם אַרַיין אִין דִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט אִים בֶּעטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען טוֹיעֶרְן פוּן יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ בֶּענְק נָאךְ דִיר.

....

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תַזְרִיעַ-הַחוֹדֶשׁ, כ״ט אֲדָר ב׳, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מְגַלֶּה זַיין פַאר דִי וֶועלְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן.

דָא הָאסְטוּ אַ מַעֲשֶׂה פַאר קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ:

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען רוּימְט שׁוֹין אוֹיס דִי חָמֵץ פוּן אַלֶע שְׁטוּבֶּער אוּן מֶען קוֹיפְט אַיין פֵיינֶע עֶסְן אוּן נֵייעֶ קְלֵיידֶער פַאר דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח.

אָבֶּער בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטוּבּ אִיז גָארְנִישְׁט דָא, רֶבִּי נָתָן דֶער גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי׳ן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיף פֶּסַח; דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן: "טַאטֶע וָואס וֶועט דָא זַיין?" "טַאטֶע מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף פֶּסַח!"

קִינְדֶער, אִיר מֵיינְט אַז רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן צֶעבְּרָאכְן? וָואס טְרַאכְט אִיר, אִיר מֵיינְט רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן דֶערְבִּיטֶערְט? נֵיין, חַס וְשָׁלוֹם! אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגְלֵייבְּט אַז יְשׁוּעַת ה׳ כְּהֶרֶף עַיִן, אָט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

מֶען שְׁטֵייט שׁוֹין צְוֵויי טֶעג פַאר דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין שְׁטוּבּ... דִי טָאכְטֶער קוּמְט אַרַיין אוּן וֵויינְט: "טַאטֶע, שׁוֹין צְוֵויי טֶעג פַאר פֶּסַח, וָואס וֶועט דָא זַיין? מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב!" רֶבִּי נָתָן פְרֶעגְט אִיר: "עֶס אִיז טַאקֶע גָארְנִישְׁט דָא?!" זָאגְט זִי: "מִיר הָאבְּן נָאר וַואסֶער, אוֹיסֶער וַואסֶער הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט!" דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן שְׁרֵייט אוֹיס הוֹיךְ: "שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַואסֶער אוֹיף פֶּסַח אִיז דָא! אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי וַואסֶער, פַארְוָואס זָאגְסְטוּ עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא? עֶס אִיז דָאךְ דָא וַואסֶער! לָאמִיר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מִיר הָאבְּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִסִּים".

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, פְּלוּצְלוּנְג עֶפְּנְט זִיךְ דִי טִיר, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען מִיט אַ אָנְגֶעפִילְטֶע וָואגְן מִיט עֶסְן, טְרִינְקֶען אוּן וָואס נִישְׁט. רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אִיר זֶעט דִי נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט? לָאמִיר וַוייטֶער דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן נָאךְ נִסִים".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וָואס לֶערְנֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה? נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען אִיז אִין אַ צָרָה, נָאר זוּכְן דָאס גוּטְס אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי מֶען זֶעט אַ גְרוֹיסֶע פַּאס וַואסֶער אוּן אַ אִיד זִיצְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן וַוייזְט מִיט דִי הֶענְט אַרוֹיף, אַזוֹי וִוי עֶר זָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" בִּשְׁעַת זַיין פָּנִים קוּקְט אוֹיף דִי וַואסֶער, אוּן וִוי אַ מֵיידְל וֵויינְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

דִי מִשְׁנַיוֹת וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנַיוֹת אוּן דוּ הָאסְט יֶעצְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵים זַיין צוּם דְרִיטְן מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

דָאס וֶועט דִיר בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**גֵיי נִישְׁט אַהֵיים נָאר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעהִיטְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אוֹיבּ דֶער מְנִיָּןל אִיז דָארְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים גֵיין. גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין לֶעבְּן, דוּ בִּיסְט יוּנְג, עֶר וֶועט דִיר הַרְגְ׳עֶנֶען דַיין לֶעבְּן.

עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן נֶעמֶען זִיךְ נִישְׁט אָן פַאר דִיר, זֵיי זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצֵיי; וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, עֶלְטֶערְן זָאלְן לָאזְן זֵייעֶר קִינְד גֶע׳שָׁחְט׳ן וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ?!

גֵיי נִישְׁט אַהֵיים נָאר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אָפְּגֶעהִיטְן.

...

**מֶען מֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ לוֹיט וָואס עֶר ווִיל אוּן בֶּענְקְט צוּ זַיין**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳**

אַז אִיר ווִילְט זַיין גוּט, אִיר ווִילְט זַיין וואוֹיל - זֶענְט אִיר גוּט אוּן וואוֹיל; ווַייל מֶען מֶעסְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר טוּט, מֶען מֶעסְט דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיט זַיינֶע רְצוֹנוֹת, מֶען קוּקְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין, וָואס דֶער מֶענְטְשׁ בֶּענְקְט צוּ זַיין; וֶוער עֶס ווִיל זַיין גוּט, וֶוער עֶס בֶּענְקְט צוּ זַיין וואוֹיל - דֶער אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

הֶערְט זִיךְ אוֹיף צוּ צֶעבְּרֶעכְן, קְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ, טַאנְצְט אִיבֶּער אַלֶעס וָואס אִיר הָאט גֶעטוּן בִּיז אַהֶער, הוֹיבְּט אָן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן. אִיר גֵייט יֶעצְט צוּ אַייעֶר חֲתוּנָה, פַארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז אַהֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקפו) חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): ״כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה״, דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: ״כֵּיצַד ׳מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין׳ עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה״, מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשׁ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; אַ חָתָן אוּן כַּלָּה דַארְפְן פַארְגֶעסְן דִי גַאנְצֶע עָבַר, מֶען דַארְף אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין קֵיינֶעם אִין אַייעֶר לֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ב׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט פְּרֶעגְן וָואס עֶס גֵייט זַיין וְכוּ׳, וֶועגְן עַיִן הָרָע.

אַז אִיר הָאט יָא גֶעפְרֶעגְט אוּן אִיר וֵוייסְט וָואס עֶס גֵייט זַיין וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם מִיט קֵיינֶעם; דָאס רֶעדְט מֶען נִישְׁט אֲפִילוּ מִיט עֶלְטֶערְן.

נֶעמְט אַ תְּהִלִים אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אַלֶעס זָאל זַיין גוּט אוּן גְרִינְג.

מִישְׁט נִישְׁט אַרַיין קֵיינֶעם אִין אַייעֶר לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיטְ׳ן צוּפִיל מְקָרֵב זַיין, קֶען מֶען יֶענֶעם מְרַחֵק זַיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ...

מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט אֵיינֶעם אַ בְּרִיוו: "אַז בַּיי דִיר הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס אוֹר, דוּ זֶעסְט נָאר לִיכְטִיגְקֵייט, - דוּ ווִילְסְט לוֹיפְן שְׁרֵייעֶן אִין גַאס אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט טוּן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לוֹיפְן שְׁרֵייעֶן 'ווִי קֶען מֶען שְׁלָאפְן, ווִי קֶען זַיין אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָא אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וְכוּ׳ וְכוּ׳?!' בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, 'שְׁטֵיי דָא, דוּ וֶועסְט נִישְׁט פּוֹעֵלְ׳ן' - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז דָאס הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט אוֹיךְ פַּאר דַיין וַוייבּ; מוֹהֲרָא״שׁ

שְׁרַייבְּט יֶענֶעם: "גֶעבּ אַכְטוּנְג וְוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט דַיין וַוייבּ, דוּ זָאלְסְט אִיר נִישְׁט מֶער מְרַחֵק זַיין".

דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ: "אַז בַּיי אַייךְ בְּרֶענְט אַ פֵייעֶר, אִיר בְּרֶענְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז אַייעֶר מַאן הַאלְט דָארְט"; בֶּעט אִיךְ אַייךְ, מַאכְט אִים נִישְׁט מְשׁוּגָע, אִיר מַאכְט נָאר אַ חוּרְבָּן; וַוייל דִי וֶועג וְוי אַזוֹי אִיר רֶעדְט צוּ אִים וֶועט אִים נָאר מְרַחֵק זַיין. דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל מְקוּרָב, גֶעבְּט אַכְטוּנְג אִים נִישְׁט צוּ דֶערְוַוייטֶערְן.

...

## גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיינֶע אַרְבֵּייטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ בִּיסְט צוּפְרִידְן פוּן אַן אַרְבֶּעטֶער - זָאלְסְטוּ אִים דָאס זָאגְן, מֶען מוּז זָאגְן פַאר אַ גוּטֶע אַרְבֶּעטֶער: "אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן פוּן דִיר", "דוּ טוּסְט גוּט".

עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף אַרְבֶּעטֶער וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער, אוּן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט צִי מֶען אִיז צוּפְרִידְן פוּן זֵיי אָדֶער נִישְׁט, זֵיי דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט פֵייגְלֶעךְ אִין קָאפּ.

רוֹב בַּעֲלֵי בַּתִּים מַאכְן דֶעם טָעוּת, מֶען זָאגְט נִישְׁט פַאר גוּטֶע אַרְבֶּעטֶער: "אִיךְ בִּין צוּפְרִידְן פוּן דַיין אַרְבֶּעט", אוּן אֲפִילוּ דִי וָואס זָאגְן - זָאגְן נִישְׁט גֶענוּג; מֶען הָאט מוֹרָא אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט זָאגְן אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן - וֶועט מֶען בֶּעטְן אַ גְרֶעסֶערֶע גֶעהַאלְט; דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, גֶעהַאלְט צָאלְט מֶען וִויפִיל עֶס קוּמְט פַאר אַזַא אַרְבֶּעט, אוּן גוּטֶע וֶוערְטֶער מוּז מֶען גֶעבְּן.

אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ זֶענֶען דָא אַרְבֵּייטֶער וָואס טוּעֶן נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן. זָאג עֶס שֵׁיינֶערְהֵייט, זָאג פַארְ'ן אַרְבֶּעטֶער: "אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף דִיר פְּרִיוַואט, אָבֶּער דִי אַרְבֶּעט טוּסְטוּ נִישְׁט", אוּן אַז יֶענֶער מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג - שִׁיק אִים לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן מִיט דִיר גְרוֹיסֶע נִיסִים.

...

## רֶעדְט מִיט חַבֶר׳טֶעס פוּן נָארְמַאלֶע זַאכְן, נִישְׁט פוּן חֲלוֹמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

רֶעדְט מִיט חַבֶר׳טֶעס וָואס רֶעדְן נָארְמַאלֶע זַאכְן, דִי וָואס רֶעדְן פוּן חֲלוֹמוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת - דִי וֶועלְן אַייךְ אַרַיינְוַוארְפְן אִין טִפְּשׁוּת.

אִיר וֵוייסְט זִיכֶער וָואס רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען מֶען אִיז אִים גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן חֲלוֹמוֹת: ״זָאגְט מִיר וָואס אִיר טְרַאכְט וֶוען אִיר זֶענְט אוֹיף״, אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן דִמְיוֹנוֹת, חֲלוֹמוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת רֶעדְט פוּן קְלָארֶע זַאכְן; אַז מֶען חָלוֹמְ׳ט זִיךְ פוּן צַדִיקִים - אִיז דָאס פַאר זִיךְ אַלֵיינְס גוּט, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דֶער וָואס זֶעט אִים אִין חָלוֹם וְכוּ׳, אָבֶער דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע אִיז טִפְּשׁוּת.

עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ פְרוֹיעֶן צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס רֶעדְן שֵׁיינֶע זַאכְן. פוּן אֱמוּנָה, פוּן שִׂמְחָה, פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; אַזֶעלְכֶע פְרוֹיעֶן זָאלְט אִיר נֶעמֶען פַאר חַבֶר׳טֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ׳

אַז אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער טְשֶׁעפֶּעט אַייךְ וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, מֶען שְׁפֶּעט פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, מֶען הֶעצְט אוֹיף דִי מִשְׁפָּחָה קֶעגְן אַייךְ - זָאלְט אִיר נִישְׁט צוּרִיק טְשֶׁעפֶּען.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: ״עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן דִי נִרְדָּפִים, ווִי אֵיידֶער זַיין פוּן דִי רוֹדְפִים״, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:): ״הַנֶּעֱלָבִים

וְאֵינָם עוֹלְבִים", דִי וָואס וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן זֵיי פַארְשֶׁעמֶען נִישְׁט צוּרִיק, "שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָם וְאֵינָן מְשִׁיבִין", זֵיי הֶערְן וִוי מֶען שֶׁענְדְט זֵיי אוּן עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט, "עוֹשִׂים מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִים בְּיִסּוּרִים", זֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט זֵיי, אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ה, לא): "וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ", לֶעָתִיד לָבוֹא וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זֵיי שַׁיינֶען דְרֵיי הוּנְדֶערְט אוּן דְרֵיי אוּן פֶערְצִיג מָאל שְׁטֶערְקֶער וִוי דִי זוּן שַׁיינְט יֶעצְט.

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז גֶעקוּמֶען אַ מִתְנַגֵּד אוּן גֶעוָוארְפְן אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רָב אַ שְׁטִיק צוֹאָה. דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶע זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אוּן דִי בֶּעקִיטְשֶׁע אִיז אִים פַארְשְׁמִירְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן דֶעם, עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען כְּאִילוּ לֹא הָיָ'. דֶער אַנְדֶערֶער וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן רָב הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם מִתְנַגֵּד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים "שֵׁגֶץ, שֶׁעם זִיךְ, דֶרֶךְ אֶרֶץ!" אוּן דֶער מִתְנַגֵּד הָאט צוּרִיקְגֶעשְׁרִיגְן וְכוּ', הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט: "שְׁוַוייג, דָאס אִיז דָאךְ אוּנְזֶער זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט מִיר זָאלְן שְׁוַוייגְן", אוּן עֶר הָאט צוּגֶעלֵייגְט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט".

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי זֵיי ווִילְן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מְצוֹרָע, ג' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קְריג זיך נִישְׁט מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ זִיךְ פִּירְן אַזוֹי וִוי זֵיי ווילְן. דוּ קֶענְסְט גֵיין אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל, אוּן אוֹיךְ וֶוען דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועסְטוּ גֵיין מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל; יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְריגְן מִיט זֵיי.

אוֹיךְ אַז עֶס שְׁטֶערְט דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוען דוּ בְּרֶענְגְסְט אַהֵיים אַזוֹיפִיל סְפָרִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען אַזוֹיפִיל סְפָרִים, הַאלְט דַיינֶע סְפָרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן נָאךְ דַיין חֲתוּנָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע סְפָרִים שְׁטוּב אָנְגֶעפּוּלְט מִיט סְפָרִים.

אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פִּירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ זֵיי אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ רֶבִּי, מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ֶען מִיט זֵיי - וֶועלְן זֵיי אוֹיךְ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיטְ'ן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמּוּבָא בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן, אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ, מַה בְּכָךְ", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל", עַיֵּין שָׁם.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין. זוּךְ אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט

און רֶעד זיךְ אוֹיס דַיין הַארץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וְוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ וְויל אַרוֹיסְקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל צוּ זַיין בַּיי דַיין סִיוּם הַשַּׁ״ס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַ בְּרִיוו פוּן דַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳, זִי שְׁרַייבְּט אַז דוּ בִּיסְט זֵייעֶר וואוֹיל, דוּ הֶעלְפְּסְט אִיר; דוּ הֶעלְפְּסְט יֶעדְן אֵיינֶעם אִין שְׁטֶעטְל, אַלֶע זֶענֶען זיךְ מְחַיֶ׳ מִיט דִיר; דוּ הָאסְט גָאלְדֶענֶע מִידוֹת.

זִי שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶער פוּן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן דִיךְ אָנְגֶעגָאסְן מִיט זֵייפִיגֶע וַואסֶער און דוּ הָאסְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק גֶעטוּן, דוּ בִּיסְט וַוייטֶער גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ; אִיךְ פְרֵיי זיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן דִי שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיף דִיר.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר מוֹדִיעַ זַיין וֶוען דוּ ווִילְסְט מַאכְן דִי סִיוּם הַשַּׁ״ס; אִיךְ וְויל אַרוֹיסְקוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל צוּ זַיין בַּיי דַיין סִיוּם הַשַּׁ״ס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל גֵיין אִין פֶעלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעצְט וֶוען דוּ בִּיסְט יוּנְג, אַז דוּ וֶועסְט דָאס טוּן יֶעדְן טָאג - וֶועט דָאס וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן דַיין לֶעבְן, עֶס וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ טוּן דַיין גַאנְץ לֶעבְן; אַ לֶעבְן מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַן אַנְדֶערֶער לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו מֶען הָאט נִסְיוֹנוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע רֵיינֶע פַּרְנָסָה, בְּלַייבּ מִיט דִי פַּרְנָסָה נְקִיָּה וְקַלָּה; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן מִיט מֵיידְלֶעךְ פַּאר נָאךְ גֶעלְט, עֶס וֶועט דִיר זַיין בִּיטֶער שְׁוֶוער, וֶועסְט זִיךְ דַארְפְן רַייסְן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כט:): ״הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה״, טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת אִיז עֶרְגֶער פוּן טוּן עֲבֵירוֹת; וָואס פֶּעלְט דִיר אוֹיס דִי קָאפּ וֵויי.

בֶּענְטְשׁ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן דַוְקָא פוּן אַ בֶּענְטְשֶׁער, נִישְׁט אוֹיסְוֵוייניג - וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַּאר עֲשִׁירוּת, אוּן עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת - אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ג׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה יֶעדֶעס מָאל דוּ לָאזְט מִיר אִיבֶּער אַן הוֹדָעָה אַז דוּ לֶערְנְסְט אוּן דוּ בִּיסְט מְסַיֵּים מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא, דָאס אִיז מַמָּשׁ מַיין גַאנְצֶע חַיוּת.

בַּאזוּנְדֶער הָאבּ אִיךְ הֲנָאָה אַז דוּ גֵייסְט הֲפָצָה, דוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְסְט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִּלְיוֹנוֹת - אִין לֶעיקְוָואד; נִישְׁטָא קַיין

גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע וֶועג פוּן רֶבִּי׳ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז אַלֶע זָאלְן זִיךְ קֶענֶען צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בְּנוֹגֵעַ קוּמֶען קַיין לֶעיקְוָואד גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר; אִיךְ דַארְף זֶען אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ שַׁיָיךְ צוּ קוּמֶען פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מַאכְט נִישְׁט קַיין שָׁאדְן פַאר אַייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ד׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ הָאבּ גֶעצָאלְט שְׁוֶוערֶע צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער דָאלֶער צוּצוּשְׁטֶעלְן פַּארְקִינְג אַרוּם דִי שׁוּל, מֶען זָאל נִישְׁט פַּארְקְן דִי קַארְס אוֹיפְ׳ן רָאוֹד; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל פָאלְגְן אוּן נִישְׁט פַּארְקְן אוֹיף דִי רָאוֹד. יֶעדֶעס מָאל מֶען שְׁטֶעלְט אָפּ דִי קַאר אוֹיפְ׳ן רָאוֹד מַאכְט אִיר מִיר שָׁאדְן, אוּן אִיר מַאכְט זִיךְ אַלֵיינְס שָׁאדְן.

נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ מִיטִינְג בַּיי דִי טַאוּן, מִיר וַוארְטְן צוּ בַּאקוּמֶען רְשׁוּת צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן נָאךְ הַייזֶער אִין שְׁטֶעטְל אוּן נָאךְ זַאכְן וָואס מִיר דַארְפְן רְשׁוּת, אוּן זֵיי שְׁטֶעלְן אוּנְז אוּנְטֶער פִּיסְלֶעךְ אַ גַאנְצֶע צַייט, זֵיי טַעְנָה׳עֶן אַז מִיר פָאלְגְן נִישְׁט, מִיר שְׁטֶערְן דִי גֶעגְנְט מִיט דִי טְרֶעפִיק בַּיים שׁוּל.

אוֹיךְ הָאט אֵיינֶער אַרָאפְּגֶעבְּרָאכְן דִי סֵיינְס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֵייגְט: "נִישְׁט פַּארְקְן" - דָאס רֶעגְט זֵיי אוֹיף, דָאס בְּרֶענְגְט מִיר זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען בַּאקוּמֶען רְשׁוּת אוֹיסְצוּבְּרֵייטֶערְן דִי שְׁטֶעטְל.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן; אִיךְ בֶּעט נָאכְאַמָאל: "מַאכְט מִיר נִישְׁט שָׁאדְן". אִיךְ הָאבּ מְמַנֶּה גֶעוֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר פַארְקְלֶעבְּן דִי פֶענְסְטֶערְס פוּן דִי קַארְס

וָואס וֶועלְן פַארקְן אוֹיפְ'ן רָאוֹד, אוּן אַז דוּ וֶועסְט וֶועלְן וֶועסְטוּ מִיךְ קֶענֶען רוּפְן צוּ דֵיין תּוֹרָה.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַז אִיךְ דַארְף סְטְרַאשֶׁען, עֶס הֶעלְפְּט שׁוֹין נִישְׁט בֶּעטְן.

...

### שִׁיק מִיר נִישְׁט סְתַּם אִימֶעילְס, עֶס נֶעמְט אַוֶועק מַיין טֵייעֶרֶע צַייט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אֵיינְמָאל גֶעבֶּעטְן זָאלְסְט מִיר אוֹיפְהֶערְן שִׁיקְן אִימֶעילְס; מֵילָא דוּ ווילְסְט עֶפֶּעס פְרֶעגְן, אַ שְׁאֵלָה, אַן עֵצָה - וֶועל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער דוּרְךְ סְתַּם שִׁיקְן אִימֶעילְס גַנְבְ'עֶסְטוּ אַוֶועק מַיין צַייט.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעבֶּעטְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן.

...

### פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ג' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי פְרֵיילִיךְ, גֶענוּג גֶעוֶוען מִיט דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה; שׁוֹין גֶענוּג גֶעדַאְגָה'ט וָואס גֵייט זַיין, יֶעצְט אִיז צַייט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

דוּ וֵוייסְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר עֶרְנְסְט, דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלה): "מֵהַנִּגְלוֹת שֶׁלִּי אֵין אַתֶּם צְרִיכִים לִלְמוֹד", אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען פוּן דֶעם וָואס אִיר זֶעט בַּיי מִיר פוּן אִינְדְרוֹיסְן, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אֵין אַתֶּם צְרִיכִים לִלְמוֹד מִזֶּה, רַק לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", פוּן דֶעם זָאלְט אִיר זִיךְ

נִישְׁט אָפְּלֶערְנֶען, נָאר אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ; דַארְפְן מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ זַיין יוֹם טוֹב פֶּסַח אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶרֶב פֶּסַח וֶועלְן מִיר בַּאקְן מַצּוֹת אִינְאֵיינֶעם אִינֶעם נֵייעֶם מַצָּה בֶּעקֶערֵיי. אִיךְ וֶועל דִיר מוֹדִיעַ זַיין דִי זְמַנִים פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד וֶוען עֶס וֶועט זַיין שִׁיעוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז נָאר דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען קוּמְט שׁוֹין נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין דֶעם יוֹם טוֹב; בִּפְרַט דִי וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קלב): "אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּשָּׁר צוּם צַדִּיק, "יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן יוֹם טוֹב; מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין 'נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט - נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא "אִיךְ", "זִיךְ", "מִיךְ" - עֶס אִיז דָא דֶער בַּאשֶׁעפֶער; עֶר פִירְט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס; נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן בְּעֵת צָרָה'.

מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער שִׁיעוּר וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועט דִי שִׁיעוּר זַיין מִיטְוָואךְ אַנְשְׁטָאט דָאנֶערְשְׁטָאג; דָאנֶערְשְׁטָאג אִיז לֵיל בְּדִיקַת חָמֵץ.

אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּכוֹר - קֶענְסְטוּ שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען אַ מַסֶכְתָּא אוּן אוֹיסְרֶעכֶענֶען צוּ מַאכְן אַ סִיוּם עֶרֶב פֶּסַח, אוּן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין בְּכוֹר - קֶענְסְטוּ אוֹיךְ אָנְהוֹיבְּן אַ מַסֶכְתָּא אוּן דָאס עֶנְדִיגְן עֶרֶב פֶּסַח. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אַלֶע יָארְן מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכְתָּא עֶרֶב פֶּסַח.

קוֹיף אַ שֵׁיינֶע זַאךְ פַאר דַיין וַוייבּ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב; עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ קוֹיפְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד אָדֶער אַ צִירוּנְג זַיי פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אמן.

...

### אוֹיבּ אִיז נִישְׁטָא קַיין שָׁלוֹם, אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יִיַּשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן; נָאר מִיט דִי הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הַאלְטְן מִיר דָא.

עֶס אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן וִוי שְׁנֶעל דִי שְׁטֶעטְל בּוֹיט זִיךְ, מִיט אַזַא סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא. עֶס פִּילְט זִיךְ שׁוֹין הַיינְט אָן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען בִּילְדֶער וִוי יֶעדֶער לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט צוּ עֶנְדִיגְן דִי מִקְוֶה טָהֳרָה, עֶס אִיז אַזוֹי שֵׁיין צוּ זֶען וִוי יֶעדֶער טוּט, יֶעדֶער מַאכְט; מַמָּשׁ אַ מְחַיֶּ'.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין מַצָּה בֶּעקֶערַיי. מֶענְטְשְׁן וואוּנְדֶערְן זִיךְ וִוי אַזוֹי דֶער שְׁטֶעטְל בּוֹיט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי שְׁנֶעל; נָאר מִיט דִי גֶעטְרֵייַשַאפְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ וִויל אָבֶּער זַיין זֵייעֶר אָפְן מִיט דִיר; מִיר קֶענְסְטוּ נָאר הֶעלְפְן אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט פַיינְט אַנְדֶערֶע אִידְן, אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ פַיינְטְשַׁאפְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיז מִיר גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט דַיין הִילְף. אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין מוֹסָד, קַיין שְׁטֶעטְל, קַיין חֵדֶר, קַיין מַצָּה בֶּעקֶערַיי, בֵּית הַתַּבְשִׁיל, הַדְפָּסָה, קַיין גָארְנִישְׁט - אוֹיבּ דָאס קוּמְט מִיט פַיינְטְשַׁאפְט.

אַז אִין ... שׁוּל בַּייסְט מֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - וֶועל אִיךְ טוּישְׁן מַיינֶע פְּלֶענֶער, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן פֶּסַח אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג. נֶעכְטְן נַאכְט הָאט מֶען זִיךְ מְבַזֶּה גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ לְשֵׁם שָׁמַיִם; דֶער

ווִיל הֶעלְפְן דִי שְׁטֶעטְל מִיט גוֹי'טֶעס - בַּארֶעדְט עֶר דֶעם אוּן יֶענֶעם, אַ צְוֵוייטֶער נֶעמְט זִיךְ אוֹיס קְלָאר וֶוען מֶען בֶּעט אִים גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת - אַז עֶר גֶעבְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט אוֹיב דִי גֶעלְט גֵייט פַאר דֶעם אוּן דֶעם פָאנְדְרֶעיזֶער; אוֹיב אִיז דָא פַּיינְטְשַׁאפְט - בִּין אִיךְ נִישְׁט דָארְט.

עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְף מִיר נִישְׁט, עֶנְדֶערְשׁ זָאל דִי גַאנְצֶע מוֹסָד צֶעפַאלְן - אוֹיב גֵייט עֶס נָאר מִיט פַּיינְטְשַׁאפְט.

...

**אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן שֵׁיין אִין שְׁטוּב צוּ דַיין ווַייבּ - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִקַּר הָעֲשִׁירוּת עַל יְדֵי הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת אִיז בִּזְכוּת דִי ווַייבּ; אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי ווַייבּ, מֶען רֶעדְט שֵׁיין, מֶען טַעֲנָה'עֶט זִיךְ נִישְׁט - בַּאקוּמְט מֶען גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶטְלִיכֶע הַדְרָכוֹת פַאר דִי שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר הַנְהָלָה, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זֵיי מֶעגְן קוּמֶען חוֹל הַמוֹעֵד עֶנְדִיגְן מִיט דִי וַואסֶער טֶעסְט, עֶס אִיז אַ דָבָר הָאָבֵד; שׁוֹין אַפָּאר יָאר וָואס מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיפְבַוייזְן פַאר דִי שְׁטָאט אַז עֶס אִיז דָא גֶענוּג וַואסֶער אִין שְׁטֶעטְל, זֵיי זָאלְן לָאזְן בּוֹיעֶן נָאךְ הַייזֶער; יֶעדֶעס מָאל שְׁלֶעפְּט זִיךְ דָאס מִיט אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, יֶעצְט אַז זֵיי

ווילְן קוּמֶען חוֹל הַמּוֹעֵד - מֶעגְן זֵיי קוּמֶען.

צְוֵוייטְנְס עֶס אִיז צוֹרֶךְ רַבִּים, אַזוֹיפִיל מִשְׁפָּחוֹת וַוארְטְן פַאר דִירוֹת צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל; אַז דוּ וֶועסְט צוּשְׁטֶעלְן הַיינְט הוּנְדֶערְט דִירוֹת - וֶועסְטוּ הַיינְט הָאבְּן הוּנְדֶערְט פְּרִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת וָואס וִוילְן קוּמֶען וואוֹינֶען אִין בְּרֶסְלֶב, מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער מִיט דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חִינוּךְ.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין צוּ דִי טַאוּן בֶּעטְן זֵיי זָאלְן פַארְרֶעכְטְן דִי גַאסְן אִין שְׁטֶעטְל, אָנְפִילְן דִי לֶעכֶער; יֶעצְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי דָאס צוּ טוּן, יֶעצְט קוּמְט אַרוֹיס אַ טוֹבָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע לֶעכֶער, אַזוֹי פָּארְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי ווילְד; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פָּארְן אַזוֹי שְׁנֶעל - מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת, נָאר דִי לֶעכֶער הַאלְט זֵיי אָפּ.

אַ אִינְגֶערְמַאן פְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר קֶען גֵיין קְלָאגְן דִי שְׁטָאט נָאכְדֶעם וָואס זַיין קַאר הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן, דִי רֶעדְל אִיז אִים אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ לָאךְ; זָאג אִים אַז עֶר וֶועט פָּארְן ווילְד - וֶועט מֶען אִים קְלָאגְן, בִּפְרַט יֶעצְט וֶוערְט זוּמֶער, דִי קִינְדֶער הוֹיבְּן אָן שְׁפִּילְן - אִיז מַמָּשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דִי שְׁטָאט צוּ מַאכְן בֶּערְגְלֶעךְ אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דָאס שְׁנֶעל פָּארְן אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן וַוייבֶּער זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

אוֹיבּ דוּ ווילְסְט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיטְ'ן בּוֹיעֶן דִי קְהִילָה נֶעם אִיךְ זִיךְ אוֹיס מִיט דִיר אַ תְּנַאי כָּפוּל וּמְכֻפָּל, דָאס קֶען נָאר זַיין אַז דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט פוּן קֵיינֶעם, וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט פוּן אַנְדֶערֶע; קֵיינֶער מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן נִישְׁט וָואס זֵיי זָאגְן אוּן ווִי אַזוֹי זֵיי זָאגְן דָאס, אוֹיבּ מֶען וֶוערְט בַּאלֵיידִיגְט פוּן יֶעדֶע וָוארְט וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט - קֶען מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן מִיט מִיר.

וֶוען אֵיינֶער שְׁרֵייט אוֹיף מִיר זָאג אִיךְ אִים גְלַייךְ צוּרִיק: "אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ"; וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף מִיר גֶעבּ אִיךְ יֶענֶעם גוּטֶע וֶוערְטֶער, וַוייל נָאר דָאס פֶּעלְט יֶענֶעם; וָואלְט יֶענֶער בַּאקוּמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער - וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף אַנְדֶערֶע.

זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

### יֶעדֶע תְּנוּעָה פוּנֶעם מְלַמֵּד וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי הֶערְצֶעלֶעךְ פוּן דִי קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד פַּאר תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דוּ לֵייגְסְט אַריין אִין דִי קִינְדֶער אַזוֹיפִיל יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן גוּטֶע מִדּוֹת.

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער וָואס זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְלַמְּדִים, עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, מֶען וֶוערְט גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן, מֶען קֶען צוּמָאל שְׁפִּירְן וִוי מֶען רֶעדְט אִין דִי לוּפְט אַרַיין, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; יֶעדֶע וָוארְט, יֶעדֶע תְּנוּעָה פוּנֶעם מְלַמֵּד וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי הֶערְצֶעלֶעךְ, אִין דִי נְשָׁמָה׳לֶעךְ; דִי זְכוּתִים בְּלַייבְּן לְנֵצַח נְצָחִים.

אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

### בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן אִין זַאך בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר׳ן צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס זֵיי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן, אַ גַאנְץ יָאר אוּן יֶעצְט פַאר פֶּסַח.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט בְּלַייבְּן פַארְבִּינְדְן אִין זַאך בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; מִיר זָאלְן וַוייטֶער הָאבְּן דִי זְכִיָּ׳ מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

...

צוּזַאמֶנְעֶמֶען אוּן דְרוּקֶן אַלֶע בְּרִיוו אִיבֶּער חִינוּךְ הַיְלָדִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב

עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ זָאלְסְט זִיךְ וֶוענְדְן צוּם מְכוֹן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה זֵיי בֶּעטְן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס קֶענֶען חַזֶר׳ן; דוּ מִיט דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים. אִיר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן פְרִישׁ, אִיר וֶועט זֶען וָואס אִיז דִי מַטָּרָה פוּנֶעם חֶדֶר, וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת.

עַל כָּל פָּנִים, ווִילַאנְג דָאס אִיז נִישְׁטָא, קֶענְסְטוּ אַלֵיינְס צַאמְנֶעמֶען אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אוּן פוּן דַיינֶע בְּרִידֶער, אוֹיךְ דַיינֶע שְׁוֶועסְטֶערְס דִי טִיטְשֶׁערְס; עֶנְקֶער מִשְׁפָּחָה פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף זֶענֶען אַלֶע כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים, אַלֶע אַרְבֶּעטְן אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת. אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ דָאס צַאמְנֶעמֶען, דְרוּקֶן אוּן דָאס חַזֶר׳ן, זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט דִי חִיזוּק פַאר מְחַנְכִים, אוּן נָאכְאַמָאל זֶען וָואס מִיר ווִילְן דָא פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ, בְּרֶענְג אַרַיין אַ שִׂמְחָה אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה. דִי קִינְדֶער אִין שְׁטֶעטְל חֵדֶר זֶענֶען קְלוּגֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד, הִלֵל׳ס גֶעדוּלְד צוּ קֶענֶען זַיין מְלַמֵד.

אִיךְ הָאבּ צוּ דִיר אֵיין קְרִיטִיק, דוּ פָארְסְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אִין דִי גַאסְן פוּן שְׁטֶעטְל. מֵילָא פָארְן שְׁנֶעל אוֹיפְ׳ן הוֹיפְט שָׁאסֵיי (הֵיי וֶועי) - אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן אוֹיךְ אַ סַכָּנָה, אָבֶּער אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת; דוּ קֶענְסְט דָאךְ הַרְגְ׳עֶנֶען אַ קִינְד.

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ וָואס פָארְן שְׁנֶעל, ווִי חַיוֹת, אָבֶּער מַיינֶע מְלַמְדִים דַארְפְן זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל פַאר אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל. מַיינֶע מְלַמְדִים זֶענֶען בַּיי מִיר דָאס טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ, אִיךְ בִּין מַקְפִּיד אַז דִי מְלַמְדִים, דִי מְחַנְכִים, דִי טִיטְשֶׁערְס, אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן פַאר מִיר - זָאלְן זַיין אַ בֵּיישְׁפִּיל. גֵיין שֵׁיין אָנְגֶעטוּן, צַאמְגֶענוּמֶען, רֵיין אוּן זוֹיבֶּער. אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָא בְּלָאטֶע, אַלֶע גֵייעֶן פַארְשְׁמִירְט דִי שִׁיךְ, אָבֶּער דִי מְלַמְדִים דַארְפְן הָאבְּן אִין קַאר פַּאפִּיר

זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זוֹיבֶּערְן אוּן זִיךְ הַאלְטְן רֵיין, דִי קַאר זָאל זַיין רֵיין. דָאס אוֹיפְפִירוּנְג דַארְף זַיין זֵייעֶר קְלַאסִישׁ; אֲפִילוּ אַזַא זַאךְ וִוי דְרֵייוְון שְׁנֶעלֶער ווִי מֶען מֶעג, כָּל שֶׁכֵּן פָּארְן מִיט רְצִיחָה וֶוען קִינְדֶער גֵייעֶן, וַוייבְּלֶעךְ שְׁפַּאצִירְן - אִיז דָאךְ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת.

בַּיים סֵדֶר נַאכְט וֶוען דוּ וֶועסְט זָאגְן: "עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרַיִם", זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אוּנְז פַּארְ'ן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן, "וְעַכְשָׁו קֵרְבָנוּ הַמָּקוֹם..." זָאלְסְט טַאנְצְן, פַּאטְשְׁן אוּן זִינְגֶען.

...

## אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן אוּן פוּן אַלֶע קַטְנוּת הַדַעַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ פְרֵיילִיכֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם, פוּן אַלֶע עֶנְגְשַׁאפְטְן אוּן פוּן אַלֶע קַטְנוּת הַדַעַת.

זָאלְסְט גֶעדֶענְקֶען פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַלֶע דַיינֶע תַּלְמִידִים.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב פֶּסַח.

...

## אַרַיינְלֵייגְן אִין קִינְדֶער אַ פַייעֶר, אַ בְּרֶען, אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ יִרְאָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מְלַמֵד וָואס לֵייגְט אַרַיין זַיין קָאפּ, הַארְץ אוּן מֹחַ צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער לַתּוֹרָה וְיִרְאַת

שָׁמַיִם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - 'אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן'", אַזוֹי וִוי דִי שְׁטֶערְנְס קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן - אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ; וִוי מֶער מֶען לֶערְנְט מִיט יוּנְגֶע קִינְדֶער - אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי פַארְנֶעמֶען, אַלְץ מֶער קֶענֶען זֵיי דֶערְהֵייבְּן; לֶערְן מִיט זֵיי מֶער וִוי אִין אָנְהוֹיבּ יָאר, לֵייג אַלְץ צוּ נָאךְ אַ פָּסוּק חוּמָשׁ מִיט נָאךְ אַ רַשִׁ"י, אוֹיךְ בַּיים דַאוְוענֶען זָאלְסְטוּ צוּבִּיסְלִיךְ צוּלֵייגְן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיקְל.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ פֵייעֶר, אַ בְּרֶען, אַ לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַ יִרְאָה צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּ דִי תּוֹרָה. מֶען קֶען הֶערְן פוּן דִי קִינְדֶער אוּן וִויסְן וָואס פַאר אַ מְלַמֵּד זֵיי הָאבְּן. קִינְדֶער וָואס הוֹיבְּן אָן לֶערְנֶען דִי גְמָרָא אוּן זָאגְן: "זָאגְט דִי גְמָרָא" - דָאס אִיז שְׁוַואכֶע מַעֲשִׂיוֹת, וִוידֶערְאוּם קִינְדֶער וָואס הוֹיבְּן אָן זָאגְן: "זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' גְמָרָא", "זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' פָּסוּק" - דָאס אִיז דֶעם מְלַמֵּדְ'ס וֶוערְק. קִינְדֶער וָואס הוֹיבְּן אוֹיף אַ סֵפֶר וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד - דָאס אִיז דֶעם מְלַמֵּדְ'ס אַרְבֶּעט, קִינְדֶער וָואס כַאפְּן אָן דִי שִׁיךְ אָן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט - דָאס אִיז דֶעם מְלַמֵּדְ'ס אַרְבֶּעט.

שְׁטַארְק זִיךְ.

...

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן נֶעמֶען דִי פוּלְסְטֶע אַחְרָיוּת אוֹיף דִי חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב**

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר הָאבְּן אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מִיר קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט רֵיינֶע אֱמוּנָה אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַ"א"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

אִיךְ דַאנְק דִיר זֵייעֶר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן מִיטְ'ן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דֶעם

עוֹל פוּנֶעם חֵדֶר, אִיךְ בִּין רוּאִיג אַז דוּ שְׁטֵייסְט עַל הַמִּשְׁמָר אוֹיף דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְקֵרוּת. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן דִי מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין קַיין הַצְלָחָה נָאר אַז עֶס אִיז דָא אַ שְׁטַארְקֶע סֵדֶר; אַזוֹי אוֹיךְ, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט מַיין זָארְג, דָאס דַארְף זַיין דֶעם מְנַהֵל׳ס זָארְג.

אַ מְנַהֵל דַארְף שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, אַז דֶער זְמַן פוּן חֵדֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן נַיין אַזֵייגֶער דַארְפְן אַלֶע בָּאסֶעס אוּן וֶוענְס שׁוֹין זַיין דָארְט צֶען צוּ נַיין, אַזוֹי אוֹיךְ דִי אַרְבֶּעטֶערְס דַארְפְן זַיין נַיין אַזֵייגֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אִין כִּתָּה; נִישְׁט אָנְקוּמֶען נַיין אַזֵייגֶער אוּן זוּכְן וואוּ צוּ פַּארְקְן דִי קַאר וְכוּ׳.

הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין סְקוּל, עֶס הָאט מִיר בַּאפַאלְן אַ פַּחַד; שְׁטֵייעֶן קִינְדֶער אָן קַיין טִיטְשֶׁער, אַזַא צֶעפָּארֶענִישׁ, דִי קִינְדֶער ווִילְן עֶסְן אוּן דִי קָאךְ אִיז פַארְשְׁפַּארְט, דִי טִיטְשֶׁער וָואס הָאט דִי שְׁלִיסְל - שְׁלָאפְט. דָאס לָאזְט מִיר נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, אַז אִיךְ דַארְף זַיין דֶער בָּאס-מֶענִידְזְשֶׁער, אִיךְ דַארְף זָארְגְן זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ - הַאלְט אִיךְ נָאךְ בַּיי א׳.

מַיין וַוייבּ רוּפְט מִיר נֶעכְטְן דֶערְצֵיילְן אַז אַ פְרוֹי וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִיר אַלְס מֵיידְל רוּפְט אִיר אָן אַז אִיר זוּן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה, דִי יְשִׁיבָה גֶעפוּנְט זִיךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי אִידִישֶׁע גֶעגְנְט. אִיר זוּן דֶערְצֵיילְט אַז אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט אַ קְלֵיין קִינְד גֵיין, דָאס אִיז זֵייעֶר מָאדְנֶע, זֵיי פְרֶעגְן דֶעם קִינְד: "וואוּ גֵייסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי וֶוען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, אִיךְ גֵיי צוּפִיס קַיין בָּארָא פַּארְק"; אַ וֶועג פוּן דְרֵיי שָׁעָה צְווִישְׁן גוֹיִם. דִי בָּחוּרִים פְרֶעגְן דֶעם קִינְד: "וואוּ לֶערְנְסְטוּ?" זָאגְט עֶר: "אִין בְּרֶסְלֶב"; בְּקִיצוּר זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט גֵיין וַוייטֶער, זֵיי הָאבְּן אִים צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט אוּן גֶעגֶעבְּן גֶעלְט צוּ גֵיין מִיט דִי בָּאס.

אַ פַּחַד פוּן אַ מַעֲשֶׂה! אִיךְ רוּף דֶעם בָּאס מֶענִידְזְשֶׁער - עֶר וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, אִיךְ רוּף דֶעם דְרֵייוֶוער - עֶנְטְפֶערְט עֶר מִיט לַייכְטְזִינִיגְקֵייט: "דִי קִינְדֶער קוּמֶען נִישְׁט אַרָאפּ צַייטְלִיךְ פָאר אִיךְ אַוֶועק, אִיךְ לָאז זֵיי אִיבֶּער".

דִי מַעֲשֶׂה לֶערְנְט מִיר אַז אִיךְ הַאלְט נָאךְ בַּיי א׳; דָאס לֶערְנְט מִיר אַז אִיךְ דַארְף וֶוערְן מְנַהֵל, בָּאס מֶענִידְזְשֶׁער וְכוּ׳ וְכוּ׳; דָאס מֵיינְט אַ שִׁיף אָן אַ רוּדֶער.

דֶערְפַאר דַאנְק אִיךְ דִיר פַארְ׳ן אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס טְרָאגְט דֶעם פוּלְסְטְן אַחְרַיוּת; דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ וַוייטֶער גֵיין, טוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן אַז קֵיינֶער נֶעמְט נִישְׁט קַיין אַחְרַיוּת – צֶעפַאלְט אַלֶעס.

אִיךְ הָאב גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע נֵס, אַ אִיד הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ גֶעלְט פַאר דִי מְלַמְדִים, אִיךְ זָאל זֵיי קֶענֶען אוֹיסְצָאלְן פַאר יוֹם טוֹב.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן הִדּוּרִים, דִי מִקְוֶה אִיז שׁוֹין כָּשֵׁר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד דֶער דַיָּין שְׁלִיטָ״א, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ צוּ הֶערְן אַז דִי מַצָּה בֶּעקֶערֵיי אִיז מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן הִדּוּרִים.

אוֹיךְ פְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַז דִי מִקְוֶה אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז שׁוֹין כָּשֵׁר, אוּן יֶעצְט פִילְט זִיךְ שׁוֹין אָן דִי רֶעגְן וַואסֶער אִין דִי מִקְוֶה טָהֳרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל מִתַּחַת יָדֵינוּ.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן פִירְן דִי שָׁאטְל אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אַ גְרוֹיסְן גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם שְׁטֶעטְל. דוּ טְרַאכְסְט 'וָואס טוּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיף מִיטְ'ן טָאג? אִיךְ פָאר אַרוּם אוּן אַרוּם מִיטְ'ן שָׁאטֶעל וְכוּ' וְכוּ'...' דוּ מֵיינְסְט דוּ טוּסְט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זָאג דִיר אָבֶער אַז דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר וִויכְטִיג. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעקוֹיפְט פַאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן עֶס קָאסְט מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶער דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר דִי שְׁטֶעטְל; פְּרוֹיעֶן זָאלְן נִישְׁט זַיין אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין דִי שָׁעוֹת וֶוען דִי מֶענֶער אַרְבֶּעטְן, זֵיי זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ אַיינְקוֹיפְן, עֶרְלֶעדִיגְן אוּן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן.

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט סַבְלָנוּת פַאר דִי אַרְבֶּעט; אַרְבֶּעטְן פַארְ'ן כְּלַל אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, יֶעדֶער וִויל עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, יֶעדֶער וִויל וָואס אִיז גוּט פַאר אִים; מֶען דַארְף אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

דָא אִיז דִי פְּלַאץ צוּ בַּאדַאנְקֶען אֵיינֶע פוּן דִי חָשׁוּבְ'עֶ אַיינְוואוֹינֶער, אֵיינֶער וָואס אִיז בַּיי מִיר זֵייעֶר חָשׁוּב, הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הֶעלְפְּט מִיר מִיטְ'ן שָׁאטֶעל, עֶר טוּט דָאס שֶׁלֹּא עַל מְנָת לְקַבֵּל פְּרָס, נִישְׁט צוּ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס, אֶלָּא עַל מְנָת שֶׁיְּקַלְּלוּ אוֹתִי, שֶׁיְּסַקְּלוּ אוֹתִי... אַזוֹי פַּאסִירְט וֶוען מֶען טוּט פַארְ'ן כְּלַל, קֵיינֶעם פַאלְט נִישְׁט אַיין צוּ זָאגְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ", "אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן", קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט 'אֵיינֶער זָארְגְט פַאר מִיר', 'אֵיינֶער טְרַאכְט פַאר מִיר זָאל גוּט זַיין'; חוֹזֶק מַאכְן - דָאס יָא, פְּלִיקְן אוּן טְשֶׁעפֶּען - דָאס יָא, אוּן נָאכְדֶעם מִיר קוּמֶען זָאגְן: "רֹאשׁ יְשִׁיבָה דִי שְׁטֶעטְל אִיז הֶערְלִיךְ, מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם", אַזַא שָׁלוֹם וִוי דִי אַרַאבֶּער ווִילְן, שָׁלוֹם אוּן זִיךְ שְׁטֶעכְן.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן מִיר הֶעלְפְן, זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח.

...

## דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ אַלֶע קִינְדֶער כְּסֵדֶר פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן שְׁלָאגְן

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער דִיר צוּ דַאנְקֶען אוֹיף וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער. זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן הַיינְט, הָאסְט גֶעגֶעבְּן צְוֵויי פֶּעטְשׁ פַאר דֶעם קִינְד וָואס הָאט נֶעכְטְן גֶעשְׁלָאגְן, גֶע׳הַרְגְ׳עֶט אוּן שִׁיעֶר דֶערְוָוארְגְן אַ צְוֵוייטֶער קִינְד. עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ גֶעבְּן פֶּעטְשׁ, דוּ דַארְפְסְט רֶעדְן צוּ אַלֶע קִינְדֶער כְּסֵדֶר פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן שְׁלָאגְן; אַ אִידִישׁ קִינְד שְׁלָאגְט נִישְׁט, מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן אַ הַאנְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:): ״הַמַּגְבִּיהַּ יָדוֹ עַל חֲבֵירוֹ״, אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אוֹיף זַיין הַאנְט צוּ שְׁלָאגְן זַיין חַבֵר, ״אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הִכָּהוּ״, אֲפִילוּ עֶר הָאט אִים נִישְׁט גֶעשְׁלָאגְן, ״נִקְרָא רָשָׁע״.

פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין חֵדֶר, דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאלְסְטוּ זֶען עֶס זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן יִרְאָה פַאר דִי מְלַמְּדִים; אַ וָוארְט פוּן אַ מְלַמֵּד זָאל זַיין אַ וָוארְט.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק אִים פַאר אַלֶע חֲסָדִים אוּן בֶּעט אִים פַאר דִיר, פַאר דַיינֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דַיינֶע תַּלְמִידִים.

אֵיין קְרִיטִיק אוֹיף דִיר, דוּ פָארְסְט אַבִּיסְל ווילד אִין שְׁטֶעטְל; עֶס אִיז סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. אוֹיף דִיר אִיז דָאס אַ קַשְׁיָא, דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ מְחַנֵּךְ, אַ בַּאזֶעסֶענֶער מֶענְטְשׁ, דוּ טָארְסְט נִישְׁט פָארְן שְׁנֶעל.

...

**אִיר הָאט אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת מִיטְ'ן מַאכְן דִי צַאמְקוּם פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם**

אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת הָאט אִיר מִיטְ'ן מַאכְן דִי צַאמְקוּם פַאר נְשׁוֹת אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן.

אוֹיב עֶס אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער פַאר אַייךְ זָאלְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז דָא אַ צַאמְקוּם - אַ בַּארִיכְט וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דִי צַאמְקוּם; אַ שִׁיעוּר, אַ שְׁפִּיל, טַאנְצְן וְכוּ'; אִיךְ וִויל מִיטְהַאלְטְן אַלֶע פְּרָטִים.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

...

**אִיךְ נֶעם אָן דִי קְרִיטִיק, אִיךְ גֵיי פַארְרֶעכְטְן עֶס זָאל מֶער נִישְׁט זַיין תַּעֲרוּבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הֶער אַלֶע טַעֲנוֹת, אִיךְ נֶעם אָן צוּ פַארְרֶעכְטְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר פוּן דִי תַּעֲרוּבוֹת; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאךְ שַׁבָּת וָואס עֶס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִינְדְרוֹיסְן בַּיי דִי בָּאטֶע אוּן בַּיים נֶעמֶען דִי עֶסְן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת; אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּעֲרוּבוֹת.

אִיךְ נֶעם אָן דִי קְרִיטִיק, אִיךְ גֵיי פַארְרֶעכְטְן; וִיהִי רָצוֹן שֶׁלֹּא יֵצֵא מִכְשׁוֹל מִתַּחַת יָדֵינוּ, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין מִכְשׁוֹל פוּן מִיר.

...

**אֲפִילוּ וֶוען מֶען בֶּעט און בֶּעט, דַארְף מֶען אוֹיךְ דַאנְקֶען**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַוַדַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן; אַסַאךְ מָאל וֶוען מֶען אִיז אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן נָאר אִין בֶּעטְן - קֶען מֶען אַמָאל אַרַיינְפַאלְן אִין דְחִיקַת הַשָּׁעָה, מֶען קֶען צוּמָאל הָאבְּן אַזוֹי וְוי טַעֲנוֹת 'אִיךְ בֶּעט און בֶּעט און גָארְנִישְׁט, אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער'; דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר וויכְטִיג וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן, זוּכְן גוּטְס, זוּכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, יד): "בְּיוֹם טוֹבָה", וֶוען עֶס גֵייט גוּט, דוּ שְׁפִּירְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "הֱיֵה בְטוֹב", דָאס אִיז גוּט, לֶעבּ מִיט דֶעם הַרְגָּשָׁה, אָבֶּער וויסְן זָאלְסְטוּ "וּבְיוֹם רָעָה", וֶוען דוּ שְׁפִּירְסְט גָארְנִישְׁט, אַלֶעס אִיז פַארְלָאשְׁן, דוּ זֶעסְט נָאר שְׁלֶעכְטְס, "רְאֵה" - זוּךְ אוֹיף אֱלֹקִית, זוּךְ אִין דִי חוֹשֶׁךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן וֶוען מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט נָאר עוֹסֵק זַיין אִין בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ אִין דִי צַייט פוּן בֶּעטְן - דַאנְקֶען, אַזוֹי וֶועסְטוּ זֶען דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין עַצְבוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; און צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

...

**דַיין טַאטֶע קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן מִיט פִילֶע גְרוֹיסֶע זְכוּתִים**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

בָּרוּךְ דַיַּין הָאֱמֶת, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נַייעֶס אַז דַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן.

דַיין טַאטֶע אִיז מִיר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גוּטֶער פְרַיינְט, עֶר אִיז מִיטְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט מִיר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה בִּיזְן לֶעצְטְן טָאג, עֶר הָאט מִיר אַלְץ מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַלְץ גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אוֹיךְ הָאט דַיין טַאטֶע גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג פוּן אָנְהוֹיב פוּן זַיין הִתְקַרְבוּת צוּ מוֹהֲרָא"ש בִּיז מַמָשׁ לֶעצְטְנְס וֶוען עֶר אִיז אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל - חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מִיט נָאךְ אַסַאךְ שִׁיעוּרִים. דִי תּוֹרָה, דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת - וֶועט אִים הִיטְן אִין קֶבֶר. דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זָארְגְן פַאר דַיין טַאטֶע, אִים אִיז יֶעצְט גוּט אוּן לִיכְטִיג, עֶר אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ מֵעֵת לְעֵת הָאט עֶר גֶעטוּן פַאר אַנְדֶערֶע, אָן בַּאקוּמֶען גָארְנִישְׁט בַּאצָאלְט. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן צֶעבְרָאכֶענֶע אִידְן, צֶעבְרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת, אַזוֹיפִיל שְׁוֶוערֶע פַּרְשִׁיוֹת פוּן חוֹלֵי נֶפֶשׁ הָאט עֶר גֶעהָאלְפְן. וֶוען עֶס אִיז מִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע פַּרְשָׁה צוּ הֶעלְפְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן בְּגוּף וְנֶפֶשׁ - הָאט עֶר אַלְץ גֶעהָאלְפְן מִיט אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ; דָאס וֶועט אִים יֶעצְט הִיטְן, עֶר הָאט גוּטֶע קְלֵיידֶער אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט וָואס זִיךְ אָנְצוּקְלֵיידְן. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי, דִי מִצְוֹת פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע - דָאס זֶענֶען קְלֵיידֶער פַאר דִי נְשָׁמָה, דִי נְשָׁמָה זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען אוֹיבְן אִין הִימְל.

וְעַל כּוּלָם, דַיין טַאטֶע הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין מוֹהֲרָא"ש בְּחַיִים חַיּוּתוֹ, וֶועט עֶר זִיכֶער וַוייטֶער מְשַׁמֵשׁ זַיין מוֹהֲרָא"ש אוֹיבְן אִין הִימְל. דַיין טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעטְרֵיי פַאר מוֹהֲרָא"ש, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַסַאךְ בַּיי מוֹהֲרָא"ש, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אַסַאךְ וָואס הָאבְּן מְשַׁמֵשׁ גֶעוֶוען, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען גֶעטְרֵיי, אַסַאךְ הָאבְּן גֶעהַאט אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן, דַיין טַאטֶע עָלָיו הַשָּׁלוֹם אִיז גֶעוֶוען גֶעטְרֵיי פַאר מוֹהֲרָא"ש אָן קַיין שׁוּם אֵייגֶענֶע נְגִיעוֹת; זֶעלְטְן צוּ זֶען אַזַא מְשַׁמֵשׁ בַּיי אַ צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר טְרֵייסְטְן, דִיר אוּן דַיין טֵייעֶרֶע מַאמֶע; אִיךְ וֶועל אִיר בַּאזוּנְדֶער שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו, אִיר טְרֵייסְטְן, מִיט דַיינֶע בְּרִידֶערְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אוּן צוּ תְּחִיַּית הַמֵּתִים בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

...

## דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מְצוֹרָע, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, ז׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דִי בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן פח) וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן ״הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן בְּשַׁבָּת הַגָּדוֹל״? מֶען זֶעט שַׁבָּת הַגָּדוֹל אִיז אִין אַלֶע שְׁטוּבֶּער אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, עֶס טוּט זִיךְ אַ בֶּהָלָה; זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער טִישׁ וַוייזְט אוֹיפְ׳ן דִיבּוּר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מא, כב): ״וַיְדַבֵּר אֵלַי זֶה הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר לִפְנֵי ה׳״, וִוייל מֶען יֶעצְט וַוייזְן אַז יֶעצְט אִיז נָאךְ דֶער דִיבּוּר אִין גָלוּת, עֶס אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אָבֶּער אַז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מִיר וֶועלְן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן פֶּה-סָח, דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גֶעהֶעריגֶע טִישׁ אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם.

דָאס אִיז וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען, יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּיי אֵיינֶעם ׳הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן׳, עֶס וֶוערְט אִים אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זַיין סֵדֶר הַיוֹם, זַיין שְׁטוּב, זַיין פַּרְנָסָה, זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט - דָאס אִיז אַלְץ וַוייל עֶס פֶעלְט דֶעם דִיבּוּר, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֶעלְט אַלֶעס אִין פְּלַאץ, עֶס אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נִישְׁטָא קַיין הֲפִיכַת הַשֻּׁלְחָן.

דֶעם בְּרִיווּ שְׁרַייבּ אִיךְ פַאר עֶנְק אַלֶע, אָבֶּער עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ מֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ וֶוען עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן בִּלְשׁוֹן נֹכַח:

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי יֶעצְט אִין אַ זַייט אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויין צוּ אִים, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ

אִים. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "לָא בָּעֵינָא הָכָא בֵּי דִינָא דִידוּנוּן בֵּינָנָא", אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה זָאל זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט מִיט זַיינֶע טַעֲנוֹת צוּ מִיר, "אֲנָא וְהוּא בִּלְחוֹדָנָא", נָאר אִיךְ וִויל זַיין אַלֵיינְס מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְלֵית תֵּיאוּבְתָּא לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא כַּד מְקַבֵּל לוֹן וְאוֹשְׁדוּ קַמֵּיהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט קַיין גְרֶעסֶערֶע פַארְגֶענוּגְן וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַאר אִים, "דְּהָא כָּל נְטוּרֵי תַּרְעִין לָא שַׁבְקִין הָכִי לְמֵיעַל כַּמָּה דְּשַׁבְקִין לְמִסְכְּנִין", אַלֶע טִירְן פוּן הִימְל זֶענֶען אָפְן פַאר אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם מֶענְטְשׁ וָואס וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דְּהָא בְּלָא רְשׁוּתָא עָאֲלִין", אוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אָן קַיין רְשׁוּת; דָאס הֵייסְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין אַ וִוינְקְל וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַלֶעס - דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן גְלַייךְ אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק.

דֶער זוֹהַר זָאגְט דָארְט וַוייטֶער אַז וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דִי חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אוּן הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט אוּן רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ.

פֶּסַח זָאלְט אִיר נִישְׁט מַאכְן קַיין קִידוּשׁ אִין שׁוּל, מֶען מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (פְּסָחִים קטז:): "וְנֹאכַל שָׁם מִן הַזְּבָחִים וּמִן הַפְּסָחִים"; אוּן צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת.

...

**הִיטְן אוּנְזֶער מַחֲשָׁבָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א', ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ שׁוֹין אִין דִי וָואךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב פֶּסַח, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז עוֹסֵק מִיטְ'ן אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ; מִיר דַארְפְן אוֹיךְ אוֹיסְרוֹימֶען דֶעם חָמֵץ פוּן אוּנְזֶער הַארְץ אוּן קָאפּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ה): "וְעִקָּר לִשְׁמֹר מֹחוֹ שֶׁלֹּא יַחֲמִיץ", מֶען דַארְף הִיטְן דֶעם מֹחַ עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן חָמֵץ'דִיג, מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, נָאר גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט. מִיר דַארְפְן אַרַיינְנֶעמֶען דִי אֱמוּנָה, חַזֶרְ'ן אֱמוּנָה, ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס נָאר פַאר אוּנְזֶער גוּטְס, חַס וְשָׁלוֹם הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְק, אַ פִּינְטֶעלֶע חָמֵץ. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁתִּשְׁמֹר אֶת חָכְמָתְךָ שֶׁלֹּא יִכְנוֹס בּוֹ חָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, שֶׁלֹּא תְּהַרְהֵר בְּהִרְהוּרִים רָעִים", מִיר דַארְפְן הִיטְן אוּנְזֶער מַחֲשָׁבָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, נִישְׁט טְרַאכְטְן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַל יְדֵי זֶה תִּנָּצֵל מֵחָמֵץ שֶׁהוּא סִטְרָא דְּמוֹתָא וְכוּ'".

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ מִישְׁן פֶּסַח וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל נִישְׁט קוֹיפְן דִי אַלֶע "כָּשֵׁר לְפֶּסַח" זַאכְן וָואס מֶען מַאכְט נָאךְ מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי חָמֵץ; פִּיצַא, קֶעיק - וָואס זֶעט אוֹיס ווִי חָמֵץ, זוּפּ מַאנְדְלֶעךְ אוּן דָאס גְלַייכְן; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט: "פַארְוָואס גֶעבְּן דִי רַבָּנִים אַ הֶכְשֵׁר אוֹיף דִי זַאכְן?" עֶס אִיז אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז פֶּסַח עֶסְט מֶען נִישְׁט דָאס, פֶּסַח טוּט מֶען נִישְׁט יֶענְץ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

בְּנוֹגֵעַ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין וְכוּ'; פַאר דִי חוּץ לָאָרֶץ'דִיגֶע אִידְן אִיז דִי וָואךְ, דִי וָואךְ פוּן פֶּסַח אוּן אַ וָואךְ נָאךְ פֶּסַח, אַלֶע דְרֵיי וָואכְן - פַּרְשַׁת אַחֲרֵי. מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת אַחֲרֵי פוּן דִי וָואךְ, אָדֶער קֶען מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי וָואךְ נָאךְ פֶּסַח. דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן הָאבְּן צְוֵויי וָואכְן פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, דִי וָואךְ אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

אַ כָּשֵׁרְ'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

## הַנְהָגוֹת פַאר אַ גַבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי א׳, ט׳ נִיסָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבְּאַי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז מֶען שְׁמוּעֶסְט בַּיים זִינְגֶען זְמִירוֹת - דָאס אִיז נִישְׁט דַיין עֵסֶק; בַּיי מִיר שְׁמוּעֶסְט מֶען אוֹיךְ, אוּן אִיךְ גֶעדֶענְק בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֶוען אִיךְ פְלֶעג אַמָאל אַרַיין וָואקֶן פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג קַיין בָּארָא פַּארְק זַיין בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ בַּיי שַׁלֹש סְעוּדוֹת - הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט.

בַּיים פָארְלֶערְנֶען - בִּין אִיךְ יָא מַקְפִּיד מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא״שׁ, בַּיים פָארְלֶערְנֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטִיל. אוֹיךְ דֶעמָאלְט זוּךְ אִיךְ נִישְׁט ווִי אִיךְ קֶען כַאפְּן אֵיינֶעם רֶעדְן, נִישְׁט אַלֶעס דַארְף מֶען זֶען אוּן בַּאמֶערְקְן, אַמָאל קוּמְט אוֹיס אַז דָאס שְׁטִיל מַאכְן שְׁטֶערְט מֶער ווִי דָאס גַאנְצֶע שְׁמוּעֶסְן וְדַ״ל.

זוּךְ נִישְׁט ווִי צוּ בַּאמֶערְקְן אוּן קְרִיטִיקִירְן, דָאס אִיז נִישְׁט דֶער אֱמֶת פוּן גַבָּאוּת אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; זוּךְ ווִי צוּ קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חַיוּת אִין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

בְּנוֹגֵעַ דִי חֲבֵרִים וָואס בְּלַייבְּן שְׁמוּעֶסְן נָאכְן דַאוֶוענֶען אוּן דוּ זָאגְסְט זֵיי אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁמוּעֶסְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט מֶען דַארְף גֵיין מַאכְן דִי סְעוּדָה, דוּ פְרֶעגְסְט מִיר אוֹיבּ דוּ טוּסְט גוּט; דָאס אִיז נִישְׁט דֶער אֱמֶת פוּנֶעם גַבְּאַי, וָואס שְׁטֶערְט דִיר אַז דִי טַייעֶרֶע חֲבֵרִים ווִילְן בְּלַייבְּן אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן שִׂיחוֹת חֲבֵרִים? אֱמֶת, מֶען דַארְף גֵיין מַאכְן אַ סְעוּדָה, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט דַיין עֵסֶק, אַ גַבְּאַי הָאט זִיךְ נִישְׁט צוּ מִישְׁן אִין יֶענֶעמְ׳ס זַאכְן, דֶער גַבְּאַי דַארְף זֶען מֶען זָאל דַאוֶוענֶען אִין צַייט, עֶס זָאלְן זַיין גוּטֶע בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת, אַ גוּטֶער בַּעַל קוֹרֵא; אוֹיךְ דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ זָאל זַיין רֵיין אוּן מְסוּדָר, אַלֶעס זָאל זִיךְ פִירְן שֵׁיין אוּן נָארְמַאל, אָבֶער אִין יֶענֶעמְ׳ס עֵסֶק דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן.

אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן נָאכְמֶער, אִיךְ זָאג קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאר אַ צְוֵוייטְן וָואס

צוּ טוּן, אַז יֶענֶער וֶועט מִיר פְרֶעגְן: "טוּ אִיךְ גוּט?" "טוּ אִיךְ נִישְׁט גוּט?" דֶעמָאלְט זָאג אִיךְ, אָבֶער אַז יֶענֶער פְרֶעגְט נִישְׁט - זָאג אִיךְ נִישְׁט.

בְּנוֹגֵעַ יוֹצְרוֹת; בַּיי אוּנְז זָאגְט מֶען נִישְׁט דֶעם לַאנְגְן שְׁטִיקְל יוֹצֵר פַּאר קְדוּשָׁה, נָאר אֵיינְמָאל אִין יָאר, שַׁבָּת הַגָּדוֹל, דֶעמָאלְט זָאגְן מִיר דִי לַאנְגֶע יוֹצֵר וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אַלֶע הִלְכוֹת פֶּסַח, אָבֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע צַייטְן אוּן יָמִים טוֹבִים - לָאזְן מִיר אוֹיס דֶעם שְׁטִיקְל.

בְּנוֹגֵעַ פְּתִיחַת הָאָרוֹן וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מַאכְן פְּתִיחַת הָאָרוֹן אוּן זִיךְ אַבִּיסְל מִתְבּוֹדֵד זַיין. מִיר טוּעֶן אוֹיךְ אַזוֹי; אִינְדֶערְוָואכְן בַּיי דִי בָּחוּרִים הַאלְטְן מִיר אָפְן דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ אַבִּיסְל לֶענְגֶער, שַׁבָּת מַאךְ אִיךְ אַבִּיסְל קוּרְצֶער כְּדֵי נִישְׁט אוֹיפְצוּהַאלְטְן, נִישְׁט מַאכְן טִירְחָא דְּצִיבּוּרָא.

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע זַאךְ צוּ וִויסְן אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אוֹיס יוֹם טוֹב אוֹם שַׁבָּת אַזוֹי וִוי דִי יָאר פֶּסַח - פִירְן זִיךְ אַלֶע אַז מֶען לָאזְט אוֹיס שְׁטִיקְלֶעךְ פוּנֶעם פִּיּוּט לְכָה דוֹדִי, אָבֶער מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן דֶעם גַאנְצְן לְכָה דוֹדִי אוּן נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן דִי שְׁטִיקְלֶעךְ מִשּׁוּם מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָ', מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט אַ חָלוֹם וִוי דֶער בַּעַל הַפִּיּוּט אִיז אִים גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם וְכוּ', אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

זָאלְסְט הָאבְן אַ כָּשֵׁר'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

### מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁרְ'ן דַּיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי א', י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ ווילְן מִיר שׁוֹין כַּשְׁרְ'ן, מִיר ווילְן שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן קָאכְן פַּאר יוֹם טוֹב, דָאךְ וֶועלְן מִיר וַוארְטְן צוּ כַּשְׁרְ'ן בִּיז דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר. מִיר זֶענֶען מַקְפִּיד צוּ כַּשְׁרְ'ן דַּיקָא וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן זֶען וִוי מֶען גִיסְט דִי הֵייסֶע בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער, וִוי עֶס טוּט זִיךְ אוּן

וִוי עֶס גִיסְט זִיךְ... זֵיי זָאלְן זֶען וִוי אַזוֹי מֶען גְרֵייט אָן אַ יוֹם טוֹב, וִוי אַזוֹי מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם פֶּסַח.

חִינוּךְ אִיז פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאכְן בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וָואס קִינְדֶער זֶעעֶן אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן - דָאס בְּלַייבְּט זֵיי, מִיט דֶעם וַואקְסְן זֵיי אוֹיף. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיי מִיר אִיז חִינוּךְ אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה - אַזוֹי וִוי דִי עֲבוֹדָה פוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת"; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט אוֹיפְבְּלַייבְּן צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת.

זַיי בּוֹדֵק-חָמֵץ דַיין טֶעלֶעפָאן; מֶען דַארְף דָאס כַּשְׁרְ'ן, עֶס זָאל זַיין כָּשֵׁר, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין עֲבֵירוֹת אִין דֶעם.

אַ כָּשֵׁרְ'ן פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַּאר קִינְדֶער

## מְחַיֶּה זַיין אַ צַדִּיק

די וֵוייִנְט, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן: "וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער..." אָדְל, דִי צַדֶּקֶת אָדְל, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער וֵויינְט, זִי ווִיל קִינְדֶער; זִי הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט לַאנְגֶע יָארְן אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט גֵיין אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח צוּ זַיין טָאכְטֶער דִי גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת אָדְל אוּן זִי פְּלֶעגְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם רֶבִּי'ן מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ. אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּרָאקְט מֶען נִישְׁט, מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז דִי מַצָּה זָאל נִישְׁט אָנְרִירְן קַיין וַואסֶער, אָבֶּער אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ בְּרָאקְן, מֶען עֶסְט קְנֵיידְלֶעךְ גֶעמַאכְט פוּן מַצָּה מֶעל.

דִי רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן צוּ דִי צַדֶּקֶת אָדְל: "פַאר דִי צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן - וֶועסְטוּ הָאבְּן צְוֵויי קִינְדֶער, אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס דִי וֶועלְט וֶועט מְקַנֵּא זַיין"; אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ צְוֵויי קִינְדֶער.

דִי צַדֶּקֶת אָדְל הָאט אַ גַאנְץ לֶעבְּן חֲרָטָה גֶעהַאט 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין טַאטֶע, דֶער רֶבִּי, נָאר מִיט צְוֵויי




טֵייעֶרֶע טַאטֶע, אִיךְ וִויל דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט צְוֵויי קְנֵיידְלֶעךְ

קְנֵיידְלֶעךְ ? וָואלְט אִיךְ גֶעגֶעבְּן מֶער – וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ נָאךְ קִינְדֶער׳.

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אִין הִימְל אוֹיף אֵיינֶעם אַ שְׁלֶעכְטֶע גְּזַר דִין, אוֹיב מֶען מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ צַדִיק, מֶען מַאכְט אַ פַארְגֶענוּגְן פַאר׳ן צַדִיק – בֶּעט דֶער צַדִיק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען דְרֵיידְט אִיבֶּער דֶעם גְּזַר דִין. אַזוֹי וִוי אָדְל הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער אוּן וַוייל זִי הָאט מְחַיֶ׳ גֶעוֶוען אִיר טַאטֶע – הָאט זִי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער.